גליון
# באור החיים

פרשת שופטים - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתמ"ו

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
מוה"ר שלמה גרינבוים הי"ו
מנכ"ל תלמוד תורה עבודת משולם פייש ד'טאהש - בעיר מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

## קדושת הלבוש הוא מפריש בין ישראל לעמים

**ולא תקום לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך.**

פירש"י הק', אשר שנא, ואף על פי שהיתה אהובה לו בימי האבות, עכשיו שנאה מאחר שעשאוה אלו חק לעבודת כוכבים.

הרי כי אותו הדבר עצמו שהיתה אהובה להקב"ה בימי האבות, והאבות הקריבו הרבה קרבנות לפניו יתברך על מצבה של אבן אחת, אף על פי כן כיון שנעשה חק לכנענים, שנאה הקב"ה בתכלית השנאה, וצותה התורה בלאו ואזהרה, לא תקים לך מצבה אשר שנא ה' אלקיך.

ומטעם זה תיקן הבעש"ט הק', והנהיג לעיקר ויסוד גדול, ענין קדושת הלבוש, להתלבש על פי דרך החסידות, בלבוש המקובל אצל החסידים דייקא, ותלמידיו הקדושים בכל דור ודור מסרו נפשם שלא לשנות את הלבוש הישן אף בזוז כל שהוא, והענין בזה, כי מלבושי החסידים מיוסדים באופן זה, להיות משונה ומובדל ממלבושי הגוים ומנימוסיהם מכל וכל, וזהו שמירה וחומה לאדם, שלא ימשך להתערב בגוים, ושלא יעלה בדעתו למצוא חן בעיניהם ח"ו, כי הלבוש המיוחד לישראל שנאוי בעיני הגוי, כי הלכה היא בידוע שעשיו שונא ליעקב, לכן קדושת הלבוש המיוחד לבר ישראל דייקא, היא חומה המפסקת ומבדלת בין ישראל לעמים.

(דב"ק תולדות)

## אם אדם אחד חוטא צריך כל העולם תיקון

**וכל זקני העיר ההוא הקרובים אל החלל ירחצו את ידיהם.**

הראשונים נחתו לבאר ענין מצוה זו מהו, כי בודאי אין עריפת העגלה באה לכפר על החטא של שפיכת דמים, שהרי רש"י הק' מביא מדברי חז"ל שאם נמצא ההורג אחר שנתערפה העגלה הרי זה יהרג, ואם החטא נתכפר כבר, ודאי לא היה הדין להרוג את ההורג אחרי כן, ואם כן על מה באה העגלה לכפר, ועל איזה חטא אמרו "כפר לעמך ישראל", גם דקדקו המפרשים, על מה שאמר "לעמך ישראל אשר פדית ה'", למה הזכיר כאן מה שה' פדה את עמו, איזה שייכות יש לזה, למצוה עגלה ערופה.

וכתבו הראשונים ז"ל כי טעם ושורש מצוה זו היא, מפני שישראל ערבים זה לזה, ולכן כאשר נעשה רציחת הנפש בישראל, כל זמן שלא עשו דין עם ההורג, שורה קטרוג על כל בני ישראל, אף על אלו שלא הרגוהו, מצד ערבות, כי כל בני ישראל הם אילן אחד ושורש אחד, ובעריפת העגלה באו לכפר את חלק החטא שיש לכל ישראל בזה מצד ערבות, ובאו לבטל בזה כח הקטרוג השורה מכח זה על בני ישראל, וע"ז אמרו "כפר לעמך "ישראל", אבל עצם החטא לא נתכפר בזה, לכן אם נמצא ההורג אחר עריפת העגלה הרי זה יהרג.

וזהו מה שאמר כפר לעמך ישראל "אשר פדית ה'", ללמד שכל ענין פדייתן של ישראל, תלויה ביסוד זה של מצות ערבות, כי אף כאשר חלק מכלל ישראל כבר ראויים להיגאל, עדיין יש עיכוב לזה, מפני צד ערבות של שאר בני ישראל, וכן להיפוך, בזה שאחד מישראל מתקן את מעשיו שיהא ראוי להיגאל, גורם קירוב הגאולה לכל בני ישראל, וכמו שאמרו חז"ל (יומא פ"ו ע"ב) יחיד שעשה תשובה מוחלין לכל העולם כולו.

(פתג"ק ויגש)

**אמרות ה', די ווערטער פון תורה און תפלה, אמרות טהורות, איז מטהר דעם מענטש.**
(שפת"ק בהר - ב')

## דורך די מעשי בני אדם ווערט געפירט די הנהגת העולם

צדק צדק תרדוף למען תחיה וירשת את הארץ, אשר ה' אלקיך נותן לך.

זענען די מפרשים מדייק אויף די לשון רדיפה וואס שטייט דא, וואס דאס איז נישט די געוועגליכע לשון המקרא, עס וואלט לכאורה געדארפט שטיין א לשון עשי', אדער הליכה, אזוי ווי רש"י הק' איז מפרש אויף דעם פסוק, 'הלך' אחר בית דין יפה.

אויך דארף מען פארשטיין וואס דער פסוק זאגט, אשר ה' אלקיך נותן לך, א לשון הוה, עס וואלט געדארפט שטיין אשר ה' אלקיך נתן לך, אזוי ווי עס שטייט אל הארץ הטובה אשר נתן לך.

נאר מען קען מבאר זיין, לויט ווי די פסוק זאגט, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, זאגט רש"י הק' בשביל התורה ובשביל ישראל שנקראו ראשית, דאס מיינט אז די עיקר תכלית בריאת העולם איז געווען אז אידישע קינדער זאלן מקיים זיין די תורה ומצות.

פאר דעם איז די גאנצע סדר הנהגת העולם, און אלע השפעות וואס קומען אראפ אויף דער וועלט, תלוי אין די מעשי התורה והמצות וואס אידישע קינדער זענען מקיים, אז אויב זיי זענען מטיב

## דער הייליגער רבי זאגט
ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

זייערע מעשים, און זענען מקיים די תורה ומצות ווי עס דארף צו זיין, זענען זיי ממשיך אויף דער וועלט השפעות טובות און גזירות טובות, און אויב חלילה זענען זיי פוגם אין זייערע מעשים, זענען זיי ממשיך אויף דער וועלט גזירות רעות און דינים רח"ל, און אויף דעם זאגט דער פסוק (תהלים קט"ו ט"ז) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם, אז דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די וועלט ביד בני אדם, אז זיי וועלן עס פירן לויט זייערע מעשים, אזוי ווי עס שטייט אין זוה"ק (ח"ב קס"א) באורייתא איתברי עלמא ובאורייתא אתקיים עלמא.

און דאס איז די כוונה וואס חז"ל זאגן, (סנהדרין ל"ז ע"ב) חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, עס שטייט נישט בשבילי 'ברא' העולם, א לשון עבר, נאר "נברא" העולם, וואס איז די לשון נברא, קען אויך זיין פשט א לשון הוה, ס'ווערט באשאפן, ווייל די וועלט ווערט שטענדיג באשאפן דורך די תורה ומצות וואס אידישע קינדער זענען מקיים, און דאס איז פשט חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, דאס מיינט, בשבילי, בשביל ודרך שלי, לויט ווי אזוי איך פיר מיר בתורה ובמצות, אזוי ווערט שטענדיג די וועלט באשאפן, אויך קען זיין פשט, בשביל התורה, ובשביל ישראל, דאס מיינט אז מיט דעם שביל און דרך וואס אידישע קינדער זענען מקיים די תורה, ווערט באשאפן די וועלט.

און דאס איז פשט אין פסוק, צדק צדק תרדוף, למען תחיה וירשת את הארץ אשר ה' אלקיך נותן לך, איז פשט אז ווען דו וועסט אנערקענען אז דער אייבערשטער האט דיר איבערגעגעבן די הנהגת העולם בידך, צו עס פירן לויט דיינע מעשים, און נישט אז ער האט דיר עס איבערגעגעבן בעבר, נאר שטענדיג גיבט ער עס איבער אין דיינע הענט צו עס פירן לויט דיינע מעשים, וועןן דו וועסט דאס אנערקענען וועסטו לויפן צו מקיים זיין די תורה ומצות, כדי צו משפר זיין און מתקן זיין די הנהגת העולם, און ממשיך זיין השפעות טובות אויף דער וועלט, און מגין זיין אז עס זאל נישט אראפקומען אויף דער וועלט קיין גזירות רעות און נישט גוטע השפעות ח"ו.

און דאס איז פשט אין פסוק, צדק צדק תרדוף, אז דו זאלסט נאכלויפן נאך די קיום התורה והמצות, למען תחיה וירשת את הארץ, כדי דו זאלסט קענען מקבל זיין השפעות וואס קומען אראפ אויף דער וועלט, אשר ה' אלקיך נותן לך, וואס דער אייבערשטער גיבט דיר דאס שטענדיג איבער, צו עס פירן לויט דיינע מעשים.

(עבו"ע פתג"ק)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הנגיד מו"ה ישראל אלי' ברוך ענגל הי"ו (מאנסי)
לע"נ אביו הרה"ח ר' מנחם ב"ר יואל זוסמאן הכהן ע"ה - יארצייט י"א אלול
ובזכות זה יברכהו השי"ת שתברך בכל מילי דמיטב והצלחה וסייעתא דשמיא לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך.

אין ספר יצירה ווערט געברענגט אז עס איז דא זיבן טויערן ביי יעדע מענטש. דאס זענען די צוויי אויערן, צוויי אויגן, צוויי נאז לעכער, און דאס מויל, וואס דורך די זיבן טויערן גייען אריין די אויסערליכע השפעה אינעם נפש וואס ליגט באהאלטן אינעם מענטש.

דערפאר זאגט די תורה, שופטים ושוטרים תתן לך בכל "שעריך", אז מ'דארף שטעלן היטערס, און אכטונג געבן וואס ס'גייט אדורך די "שערים", ווייל דאס איז זייער האקל פאר'ן נפש

(של"ה הקדוש)

### ושפטו את העם משפט צדק.

ווען ס'איז דא ווייניג בתי דינים, ווערן אנגעזאמעלט צופיל דין תורות אויף איין ארט, און מען מוז פסק'נען שנעלערהייט, און עס קען געשעהן אז מ'זאל נישט פסק'נען מיט יישוב הדעת ווי די הלכה זאגט.

דעריבער זאגט דער פסוק אן, "שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", אז מען זאל זעהן צו האבן אויף יעדע פלאץ בתי דינים, וואס דאס וועט צוברענגען אז "ושפטו העם משפט צדק", אז די דינים וועלן דורכגעפירט ווערן כהלכה, ווייל מ'וועט יעדן דין גרינטליך דורכטון מיט די ריכטיגע התבוננות.

(הגאון ר' שלמה קלוגער ז"ל)

### לא תטע לך אשירה כל עץ.

חז"ל זאגן, אז א דיין שאינו הגון איז גלייך צו אן אשרה בוים, לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די צוגלייך? נאר ביי א געווענליכע עבודה זרה קען מען דערקענען אז דאס איז א ע"ז, אנדערש איז ביי די אשירה בוים וואס פון אינדרויסן זעהט דאס אויס ווי א נאטורליך שיינער בוים, אבער בפנימיות איז עס אן ע"ז.

דאס זעלבע איז ביי א דיין שאינו הגון, וואס אינדרויסן טראגט ער א פנים פון אן ערליכן, און בפנימיות נארט ער אויס די בעלי דינים.

(הגאון רבי חיים סאלאווייטשיק מבריסק זצ"ל)

### ולא תקים לך מצבה.

א איד דארף געדענקען אז די אלע הנאות וואס ער האט אויף די וועלט איז נאר א צייטווייליגע זאך. דער עיקר איז, וואס ער גרייט זיך אן אויף יענע וועלט.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, ולא תקים "לך" מציבה, זאלסט נישט מאכן פונעם "לך" קיין עיקר, נאר דער עיקר זאל זיין ווי מער אנצוגרייטן צום עולם הנצחי.

(קדושת לוי)

### מציבה אשר שנא ה' אלוקיך.

"מציבה", דאס מיינט די אלע וועלכע שטייען כסדר אויף איין פלאץ און מדריגה אין אידישקייט, און שטרעבן נישט צו וואקסן או ארויפגיין העכער און העכער, "אשר שנא ה' אלוקיך", דאס האט השי"ת פיינט.

(בני יששכר)

### אשר יבחר ה' אלוקיך.

דאס איז אן ענטפער אויף דעם וואס די אידן האבן פארלאנגט אשימה עלי מלך ככל הגוים אשר סביבותי, איך וויל נעמען א קעניג ווייל דער גוי האט א קעניג, האט דער אייבישטער געענטפערט אז מען טאר עס נישט. אויב דו ווילסט טאקע א קעניג, זאל דאס זיין אשר יבחר ה' בו, ווייל השי"ת האט אזוי אויסגעוועלט און נישט ווייל דער גוי האט דאס, אט דאס דארף זיין דער געדאנקן גאנג פון א אידיש קינד.

(סוד ישרים - ראדזין)

### ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל.

די גמרא זאגט אין מס' סוטה (ד'), אז די וואס האבן אין זיך די מדה פון גאוה, איז גלייך ווי זיי דינען ע"ז ר"ל. אויך איז ידוע אז עניו ווערט אנגערופן "מה", ווי ס'שטייט אין פסוק 'ונחנו מה', קומט אויס אז ווען א איד טוט א מצוה און קומט צו דורך די מצוה צו גיאות, נעמט ער אראפ פון דעם ווארט "מצוה" די אותיות מ"ה, און עס בלייבט נאר די מיטעלסטע אותיות "צו" וואס די גמרא זאגט אין סנהדרין (נ"ו), אז דאס ווארט איז א רמז אויף עבודה זרה, ווייל אז מ'קומט צו דורך די מצוה צו גיאות, איז גלייך ווי מ'דינט עבודה זרה.

דאס איז דער פסוק מרמז, "ולבלתי סור מן המצוה", מ'זאל נישט אראפנעמען פון די ווארט מצוה, "ימין ומשמאל", די רעכטע אות און די לינקע, די אותיות מ"ה, ווייל עס וועט פארבלייבן די אותיות צו, וואס דאס איז מיינט א עבודה זרה ר"ל.

(חתם סופר)

### כי השוחד יעור עיני חכמים.

א ערליכער רב וואס איז געווען שטארק אפגעהיטן פון שוחד און דערצו געווען א גרויסער ארעמאן, האט אמאל געטייטשט בדרך צחות דאס לשון פון חז"ל (סנהדרין ו') 'אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות', אז ער האט נישט פון זיין דיינות נאר דאס אז ער קען זעהן, ווייל ווען ער וואלט ווען גענומען שוחד, וואלט ער דאך נישט געקענט זעהן.

*

### על פי שנים עדים.

א קאברינער חסיד איז אמאל געקומען צו הרה"ק רבי מרדכי'לע מ'טשערנאביל זי"ע, האט אים ר' מאטעלע געבעטן ער זאל נאכזאגן א ווארט פון זיין רבי'ן, האט ער אים נאכגעזאגט, אז ווען א איד קומט ארויף אויף יענער וועלט, און דער שטן וויל מקטרג זיין, זאגט מען אים אז אין די תורה שטייט "על פי שנים עדים" און ער איז נאר איינס, אבער ווען איינער רעדט לשון הרע קומט יענער איד אויף וועמען מ'האט גערעדט עדות זאגן, איז שוין דא צוויי עדות, ווערט ער באשטראפט, ווען דער צדיק האט דאס געהערט האט ער אויסגעשריגן: "משה אמת ותורתו אמת"

*

### ושמרת לעשות ככל אשר יורוך.

א געוויסער משכיל איז אמאל געקומען צום גאון ר' ישראל סאלאנטער ז"ל און אים דערציילט, אז ער איז געווען ביי אלע רבנים און באמערקט אז אפי' זיי זענען טאקע גדולים בתורה און חשוב'ע אידן, פעלט זיי אבער דער חלק פון פקחות אויף די וועלטליכע ענינים. אפשר קען דער רבי זעהן עפעס צו טון אויף דעם ענין און דאס מתקן זיין?

ר' ישראל האט אים געענטפערט, "איך בין שוין אן אלטער איד און ס'איז מיר שווער דאס צו פאררעכטן, אבער איך האב אן אנדערע עצה ווי אזוי איר קענט יעצט, זיצענדיג דא, אלעס פאררעכטן.

"ווי אזוי", האט זיך דער משכיל געוואונדערט

"דו וועסט זיצן דא, און אביסל מהרהר זיין בתשובה, וועסטו שוין איינזעהן אז די רבנים זענען אין אלע ענינים אויסגעצייכענט".

*

### לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל.

דער "אבני נזר" איז אמאל געגאנגען באזוכן דעם צדיק הרה"ק ר' יחיאל פון אלכסנדר ז"ל

המשך בע' ט

## א מעשה אויף די פרשה

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## לדוד ה' אורי וישעי

### אריינפיר

עס איז אנגענומען ברוב קהלות ישראל אז גאנץ חודש אלול זאגט מען נאכן דאווענען די קאפיטל "לדוד ה' אורי וישעי", וואס דאס ווערט געזאגט מיט גרויס התעוררות, און דאס ווערט גערעכנט אלץ הכנה צו די הייליגע טעג, אין דעם מאמר האבן מיר געשריבן בעזרת השי"ת ווי איז דער מקור פון דעם, און וואס איז דער טעם אז מען אויסגעוועלט די קאפיטל דוקא, און נאך פארשידענע ענינים און מנהגים וואס עס איז שייך צו דעם.

### א

### שאלה: ווי איז דער מקור פון זאגן די קאפיטל תהלים "לדוד ה' אורי וישעי" גאנץ חודש אלול?

**תשובה:** דער ענין פון זאגן לדוד ה' אין חודש אלול, האט נישט קיין מקור די גמרא און נישט אין שלחן ערוך, דאס ווערט נאר געברענגט פון די פריערדיגע גדולים, אין דאס איז געווארן אנגענומען ביי רוב תפוצות ישראל.

און דער חיד"א שרייבט דערויף, אז עס איז א גוטע מנהג צו זאגן יעדן טאג נאכן דאווענען די קאפיטל תהלים "לדוד ה' אורי וישעי", און כל שכן אין חודש אלול, און אזוי שרייבט דער מטה אפרים (סימן תקפ"ו ס"ו), און אויך דער משנה ברורה ברענגט דאס (ס"ק ב').

### ב

### שאלה: וואס איז דער טעם, פון זאגן די קאפיטל תהלים "לדוד ה' אורי וישעי" גאנץ חודש אלול?

עס ווערט געברענגט פון די תלמידי בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אז דער טעם פארוואס מען זאגט די קאפיטל לדוד ה' אין חודש אלול, ווייל אין דעם קאפיטל איז דא דרייצן מאל די שם הוי"ה, וואס דאס איז קעגן די דרייצן מכילין דרחמי, און דורכן זאגן דעם קאפיטל זענען מיר בכח מבטל צו זיין אלע שלעכטע גזירות (סידור רבי שבתי מראשקוב, והמגיד ממעזריטש זי"ע).

און דער פנים יפות שרייבט אז די דרייצן מאל שם הוי"ה, וואס מען זאגט אין דעם קאפיטל זיי זענען קעגן די י"ג מדות של רחמים, דעריבער איז פאסיג דאס צו זאגן אין חודש אלול, כדי מעורר צו די שלשה עשרה מדות של רחמים (פרשת אחרי ד"ה ביד).

רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט אז דערפאר זאגט מען דעם קאפיטל אין חודש אלול, ווייל מען זאגט ביים סוף פונעם קאפיטל "לולא" האמנתי לראות בטוב ה', און אין די ווארט "לולא" איז מרומז די ווארט "אלול" מרמז צו זיין אז אין חודש אלול הייבן זיך די ימי הרחמים והרצון, און מען זאל תשובה טון.

### ג

### שאלה: עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים אז דאס זאגן די קאפיטל "לדוד ה'" פארמאגט אין זיך גרויסע סגולות, פארוואס איז די קאפיטל מסוגל מער פון אלע אנדערע קאפיטלעך תהלים, און מער פון אלע אנדערע בקשות וואס מען בעט ביים אייבערשטן?

עס שטייט אין ספר שארית מנחם, פון הרה"ק רבי מענדל פון ווישווא זצ"ל, אז וועגן דעם איז די תפלה פון לדוד ה' אזוי באליבט ביים אייבערשטן, און דאס איז מסוגל געהאלפן צו ווערן מיט אלעם גוטס, וויבאלד אין די ימי הרחמים והרצון בעט זיך יעדער אויס אסאך ערליי בקשות, בני, חיי, ומזוני, און וואס נישט, און מען איז בודק אין הימל צי מיינט מען עס דאס לשם שמים, אדער מיינט מען עס בלויז לטובתו ולהנאתו, אבער ווען מען זאגט די ווערטער "אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, שבתי בבית ה' כל ימי חיי", מיין איינציגע בקשה איז נאר לשם שמים, צו קענען זיצן און לערנען און טאן דעם רצון ה', און מיט דעם איז מען מגלה דעת אז אלע אנדערע בקשות וואס מען בעט, דאס אלעס איז נכלל אין די איינע תפלה, ווען איך בעט פאר בני חיי ומזוני, אלעס איז נאר דערפאר כדי איך זאל זוכה זיין "לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו" און אזא תפלה נעמט מען גלייך אן.

ענליך צו דעם טייטש די ספרים הקדושים וואס מען זאגט אין די הייליגע טעג "כתבנו בספר החיים למענך אלקים חיים", ווען א מענטש בעט זיך "כתבנו בספר החיים" איז מען בודק אין הימל צי ער מיינט עס פאר זיין אייגענע אינטערעס, אדער מיינט ער דאס פאר כבוד שמים, דעריבער זאגט מען ווייטער "למענך אלקים חיים" איך מיין אלעס פארדיינט ווענן, און אזא תפלה ווערט אנגענומען.

קומט אויס ראס זאגן די קאפיטל לדוד ה' איז א שליסל, אז אלע אנדערע בקשות וואס מען בעט זאל אויך אנגענומען ווערן, וועגן דעם האט די קאפיטל אזא גרויסע חשיבות.

### ד

### שאלה: וואס זענען די סגולות וואס די קאפיטל פארמאגט אין זיך?

**תשובה:** אין ספר שם טוב קטן שטייט ווי פאלגענד: יעדער וואס זאגט דעם קאפיטל "לדוד ה' אורי וישעי" פון ראש חודש אלול ביז נאך שמחת תורה, אפילו אויב עס איז חלילה נגזר געווארן אויף אים א שלעכטע גזירה פון הימל, קען ער דאס מבטל זיין דורכן זאגן דעם קאפיטל, דעריבער זאל מען דאס זאגן געלאסן, און מען וועט זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר.

און אזוי שטייט אויך אין ספר זכירה, אז דער וואס זאגט לדוד ה' פון ראש חודש אלול ביז נאך שמחת תורה, איז פארזיכערט אז ער וועט דערלעבן דאס יאר, און ער איז מבטל מיט דעם אלע זיינע מקטריגים.

**באמערקונג**

כאטש יעדער ערליכער איד זאגט לדוד ה' אפילו אן די דערמאנטע סגולות, פונדעסטוועגן האבן מיר אראפגעברענגט די סגולות וואס עס שטייט אין ספרים הקדושים, כדי ארויס צו ברענגען ווי חשוב און גרויס די כח פון דעם קאפיטל איז, און מען זאל דאס זאגן מיט מער מתינות, און מער התעוררות.

און אויך וויבאלד מען זאגט דעם קאפיטל במשך די צוויי חדשים אלול און

תשרי איבער 100 מאל, און עס קען זיך מאכן אז במשך אזא לאנגע צייט, זאל עס אביסל נתרשל ווערן, דעריבער איז כדאי צו וויסן אז עס לוינט זיך דאס צו זאגן ווארט ביי ווארט, אינעווייניג אין א סידור, ווייל מען באקומט דערפאר א מתן שכרה בצידה

## נאך א סגולה

עס ווערט געברענגט אז עס איז א געוואלדיגע סגולה, אז מען זאל שרייבן דעם קאפיטל "מזמור לדוד ה' אורי וישעי" אויף א פארמעט וואס איז כשר פאר א ספר תורה, און מען זאל יעדן טאג עפענען דעם ארון קודש און מען זאל דאס זאגן מיט גרויס כוונה (ספר ימלט נפשו).

למעשה איז נישט איינגעפירט ביי אונז דער מנהג, ווייל מען עפענט נישט אויף דעם ארון הקודש פאר אייגענע געברויכן, אבער בשעת די ארון הקודש איז סיי ווי אפען, למשל ביי די הוצאת ספר תורה, קען מען דאס זאגן.

## ה
## שאלה: פון ווען הייבט מען אן צו זאגן "לדוד ה'"?

**תשובה:** רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט אנצוהייבן צו זאגן לדוד ה', אין דעם ערשטן טאג ראש חודש (ל' אב), ווייל דעמאלטס איז שוין ראש חודש אלול, עס זענען דא וואס פירן זיך אנצוהייבן אין דעם צווייטן טאג ראש חודש אלול (קיצוש"ע סימן קכ"ח ס"ב), ווייל די ערשטע טאג ראש חודש באלאנגט נאך צו חודש אב.

## ו
## שאלה: ביז ווען זאגט מען "לדוד ה'"?

**תשובה:** אסאך פירן זיך אז מען זאגט לדוד ה' ביז שמחת תורה, ווייל עס שטייט אין מדרש (שוחר טוב ) אויפן פסוק לדוד ה' אורי וישעי, "אורי" בראש השנה, "וישעי" ביום כיפורים, און אויך זאגט מען דארט "כי יצפנני בסוכו" וואס דאס איז מרומז אויף סוכות (אלף למגן סימן תקפ"א סק"ו), דעריבער זאגט מען דאס ביז נאך סוכות וואס דאס איז שמחת תורה.

אבער רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט צו זאגן ביז נאך שמיני עצרת ביי מוסף, אזוי ווי עס שטייט אין מטה אפרים (סימן תקפ"א ס"ו).

## ז
## שאלה: אין וועלכע פלאץ ביים דאווענען זאגט מען "לדוד ה'?

**תשובה:** עס זענען דא פארשידענע מנהגים ווי מען זאגט דעם קאפיטל לדוד ה', מיר וועל אויסרעכענען די אלע מנהגים, אבער יעדער דארף זיך כפי מנהג אבותיו ורבותיו.

## נאך שמונה עשרה

עס זענען דא וואס זאגן דאס גלייך נאכן זאגן תחנון, פאר קדיש, אדער גלייך נאך קדיש (סידור מגן אברהם, סלונים).

דער ליקוטי מהרי"ח (ח"ג סדר ר"ח אלול), שרייבט דעם טעם, וויבאלד אין דעם קאפיטל ווערט דערמאנט דרייצן מאל די שם הוי"ה, וואס דאס איז קעגן די שלש עשרה מדות, דעריבער זאגט מען דאס נאך שמונה עשרה וואס דארט איז דער פלאץ וואס מען זאגט תחנון און מען זאגט די י"ג מדות.

## פתיחת הארון

עס זענען דא וואס זאגן דאס, בשעת מען עפענט דעם ארון קודש, וואס דעמאלטס זענען די תרעין פתוחים, די טויערן זענען אפען, און עס איז א שעת הכושר דאס צו זאגן מיט התעוררות.

עס ווערט געברענגט אז הרה"ק רבי מרדכי'לע פון נאדבורנא זי"ע, האט זיך געפירט אז אין א טאג וואס מען האט געליינט אין די תורה, האט ער געזאגט לדוד ה' בשעת פתיחת הארון קודש, און ער האט דאס געזאגט פסוק בפסוק מיטן גאנצן עולם, און ער האט אראפגעלייגט א געוואלדיגע עבודה.

## נאך קדיש תתקבל

טייל פירן זיך דאס צו זאגן נאך אשרי ובא לציון, נאכדעם וואס מען האט געזאגט קדיש תתקבל.

דער קוידינובער זצ"ל שרייבט דעם טעם, וויבאלד דאס זאגן דעם קאפיטל האט אין זיך זייער גרויסע סגולות, און דאס איז מסוגל מבטל צו זיין די מקטריגים אזוי ווי פריער דערמאנט, דעריבער איז גלייך מען זאל עס זאגן גלייך נאכן זאגן "תתקבל צלותהון ובעותהון דכל בית ישראל קדן אבוהון דבשמיא" אז עס זאל ארויף גיין אויך אויף די תפלה (משמרת שלום, קוידינוב סימן מ"א סק"ג).

## נאכן זאגן דעם יום

און טייל פירן זיך דאס צו זאגן גלייך נאכן שיר של יום, און אזוי טרעפן מיר אינעם סידור פונעם בעל התניא וואס ער האט מסדר געווען צו זאגן לדוד ה' נאכן שיר של יום (שו"ע הרב בסידורו, וכ"ה בהרבה סידורים).

און די וואס פירן זיך אזוי, זאגן קודם קדיש אויפן יום און נאכדעם זיי לדוד ה'.

## נאך עלינו

דער חיד"א שרייבט (סנסן חיאיר) אז דער מנהג פון שטאט טבריה איז אז מען זאגט לדוד ה' נאך עלינו, עס זענען דא וואס זאגן דעם טעם, ווייל תדיר ושאינו תדיר תדיר קודם, וועגן דעם ענדיגט מען קודם די גאנצע דאווענען, וואס איז תדיר.

טייל פירן זיך אז זיי זאגן קודם לדוד ה' און נאכדעם בלאזן זיי שופר (וכ"ה מנהג סאטמאר, מחזור דברי יואל אות י').

און טייל פירן זיך אז קודם בלאזט מען שופר, און נאכדעם זאגט מען לדוד ה' (מטה אפרים, מ"ב ס"ק ב'), און אזוי האט זיך רבינו הקדוש זי"ע געפירט.

## ח
## שאלה: ווען זאגט זיך לדוד ה' אום שבת, נאך שחרית אדער נאך מוסף?

**תשובה:** רוב וועלט פירן זיך צו זאגן לדוד ה' אום שבת נאך שחרית, גלייך נאכן זאגן דעם שיר של יום (מטה אפרים ס"ו, ובקצה המטה ס"ק י"ח), אבער רבינו הקדוש זי"ע האט זיך געפירט צו זאגן ביי מוסף נאך עלינו, פאר אנעים זמירות.

## אין ישראל ניזונים אלא בזכות האמונה

דער הייליגער ישמח משה אין פ' מטות ברענגט פון די מפרשים, א פשט אין די מאמר חז"ל (מדרש תנחומא פ' בשלח) אין ישראל ניזונים אלא בזכות האמונה, אז די הלכה איז ווען מ'דינגט אן ארבעטער דארף מען גלייך באצאלן, און אויב נישט איז מען עובר אויף בל תלין, חוץ אויב מ'דינגט די ארבעטער דורך א שליח איז מען נישט עובר אויף בל תלין, דעריבער אנכי און לא יהיה לך וואס די אידישע קינדער האבן אליין געהערט פונעם אייבערשטן, דארף דער אייבערשטער באצאלן גלייך און מ'קען נישט ווארטן ביז עולם הבא.

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

עס שטייט אין זוהר הקדוש פ' תרומה, אז ווער עס רעדט אין ביהמ"ד דברי חול, ווי' איז פאר אים אז ער פארמינערט אמונה, ווי' איז פאר אים ווייל ער ווייזט ח"ו אז דער אייבערשטער איז נישט אין ביהמ"ד, און ער ווייזט ח"ו אז ער האט נישט מורא פונעם אייבערשטן.

רב ייבי אין זיין ספר מורא מקדש זאגט אז מ'זעהט פון דעם זוהר הקדוש אז נישט רעדן אין ביהמ"ד דאס איז די מצוה פון אנכי ה' אלקיך.

דעריבער אז מיר וועלן זיך שטארקן נישט ח"ו צו רעדן ביים דאווענען, און דורכדעם וועלן מיר מקיים זיין די מצוה פון אנכי ה' אלקיך וועט די אייבערשטער אונז שיקן אלע גוטע השפעות.

אויך ווערט געברענגט אין ספה"ק אמרי נועם פ' ויחי אז אויך די גאולה שלימה וועט קומען דורך אמונה, וזלה"ק "כי העיקר הגאולה תהי' על ידי בחינת האמונה כמו שהיתה גאולת מצרים כמאמרם ז"ל כדאי האמונה שהאמינו בי".



המשך מאמר בענין:

## בנין בית המקדש השלישי

וכתב רש"י (סוכה מא. בד"ה אי נמי) לתרץ: "הני מילי בנין הבנוי בידי אדם, אבל מקדש העתיד שאנו מצפין, בנוי ומשוכלל הוא יגלה ויבא משמים, שנאמר (שמות טו, יז) מקדש ה' כוננו ידיך", וכן ביארו רוב הראשונים, התוספות (שם בד"ה אי נמי), והריטב"א (שם בד"ה גמרא מאי טעמא) ורבי אברהם מן ההר (שם בד"ה אי נמי).

ויש להוסיף בזה, כי אין הכוונה שהקדוש ברוך הוא יבנה אז את בית המקדש, כי הרי אמרו חכמינו ז"ל (ירושלמי ראש השנה פ"א ה"ג) כי הקדוש ברוך הוא מקיים את כל התורה, ולכן אף הוא לא יבנה את בית המקדש בזמן שאין שייך לבנות, אלא הכוונה היא שהמקדש כבר בנוי בשמים, ואז לא תהא אלא הורדת המקדש הבנוי מכבר, ולכן אין כל מניעה מצד הלילה ויום טוב.

יש לציין, כי החתם סופר (סוכה מא. בד"ה דאיבני בלילה) העיר בזה, שהרי בדין בונה קיימא לן כי אף המוריד אהל מוכן ומניחו על גבי הקרקע אסור, ואם כן אף אם בית המקדש ירד בנוי ומשוכלל מן השמים, מכל מקום זה עצמו אסור משום בונה, ולא ארווח לן ולא מידי, והאריך ליישב שם לפי דרכו.

### שיטת הרמב"ם שיבנו את בית המקדש בפועל

אמנם הרמב"ם (פי"א מהלכות מלכים ה"א) כתב: "המלך המשיח עתיד לעמוד ולהחזיר מלכות דוד ליושנה לממשלה הראשונה, ובונה המקדש ומקבץ נדחי ישראל", ומדבריו משמע כי לא זו בלבד שיבנו את בית המקדש בפועל, אלא שהמשיח בפועל הוא זה שיבנה את הבית השלישי.

המנחת אלעזר (ליקוטים סי' י"ב) מעיר, כי בפשטות דברי הרמב"ם היה נראה כי מלך המשיח בעצמו הוא שיבנה את בית המקדש, ואם כן שוב היה כאן משום מעשה נס, שלא יתכן להיות אדם אחד בונה את בית המקדש לבדו, אך הכריח כי כוונת הרמב"ם שמלך המשיח יהיה ממונה על בנייתו, אך הבנייה בפועל תיעשה על ידי בני ישראל שיבנו ויקימו את הבית השלישי בפועל.

כן מוכח גם כן מדברי הרמב"ם שהביא

# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

התוספות יום טוב (מידות, הקדמה) שכתב: "הביא אחר תמיד מדות, ואין בו ענין אחר אלא סיפור שהוא זוכר מידת המקדש וצורתו ובנינו וכל ענינו, והתועלת שיש בענין ההוא, כי כשיבנה במהרה בימינו יש לשמור ולעשות התבניות ההוא והתכניות והצורות והערך, מפני שהוא ברוח הקודש, כמו שאמר (דברי הימים - א כח, יט) הכל בכתב מיד ה' עלי השכיל", ואם רק מלך המשיח היה בונה את בית המקדש לא היו צריכים בני ישראל לשנן את ידיעת מדותיו, ומוכח כי בני ישראל יבנו את הבית, ולכן יש להם לידע את תבנית הבית השלישי על בוריו, שלא יטעו בבנינו.

### דעת הרמב"ם שיבנו את בית המקדש בפועל ממש והוא אחד המגדירים את משיח

השלמה נוספת בשיטת הרמב"ם שהזכרנו, אשר לדעתו יבנו את בית המקדש בפועל, היא בדבריו (פי"א ממלכים ה"ד): "ואם יעמוד מלך מבית דוד, הוגה בתורה ועוסק במצות כדוד אביו, כפי תורה שבכתב ושבעל פה, ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה, וילחם מלחמות ה', הרי זה בחזקת שהוא משיח, אם עשה והצליח ונצח כל האומות שסביביו ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל הרי זה משיח בודאי", הרי כי הרמב"ם מעמיד את בנין בית המקדש בפועל כתנאי להגדרת מלך המשיח, ורק אם בפועל יבנה את בית המקדש אז יש לראות אותו שהוא המשיח בוודאות, אך בלא זה אינו משיח ודאי.

כך יש להוסיף גם כן, כי מדברי השולחן ערוך נראה כשיטת הרמב"ם, שכן כתב השולחן ערוך (יו"ד סי' רמ"ה סעיף י"ג): "אין מבטלין התינוקות [מתלמוד תורה] אפילו לבנין בית המקדש", והרי כלל הוא בידינו שאין השולחן ערוך מביא אלא את ההלכות השכיחות הנוגעות אף בזמן הזה, ואם כן מה ענין הוא להביא הלכה זו הנוגעת לבנין בית המקדש שאינה שייכת כלל אלינו, כי בנייתו תיעשה על ידי הקדוש ברוך הוא בעצמו, מוכח מכן בדעת השולחן ערוך שקיבל להלכה את דעת הרמב"ם, שיבנו בפועל את בית המקדש.

עתה נבוא לדון בעיקרי השיטות, ולעמוד על ההוכחות היוצאות מדברי חכמינו ז"ל, לכאן ולכאן.

### ההוכחה כשיטת רש"י מדברי הקדוש ברוך הוא 'ואני עתיד לבנותה באש'

אחת מן ההוכחות הבולטות לשיטת רש"י, היא דברי הגמרא הנודעים (בבא קמא ס:): "כי תצא אש ומצאה קוצים (שמות כב, ה), תצא מעצמה, שלם ישלם המבעיר את הבערה (שם), אמר הקדוש ברוך הוא, עלי לשלם את הבערה שהבערתי, אני הציתי אש בציון, שנאמר (איכה ד, יא) ויצת אש בציון ותאכל יסודותיה, ואני עתיד לבנותה באש, שנאמר (זכריה ב, ט) ואני אהיה לה חומת אש סביב ולכבוד אהיה בתוכה".

הרי כי הדברים מפורשים בדברי חכמינו ז"ל, אשר עתיד הקדוש ברוך הוא לבנות את בית מקדשו ותפארתו, ואם כן הרי זה מוכיח כשיטת רש"י.

אם כי היו שהעירו בעיקר הדברים, כי הרי על אף לשון הגמרא שאומר הקדוש ברוך 'אני הציתי אש בציון', אין הכוונה כפשוטו שבפועל ממש הצית הקדוש ברוך הוא אש בציון, כי הרי בית הראשון נשרף על ידי נבוכדנאצר ונבוזראדן, ואין זה אלא שהקדוש ברוך הוא סיבב שיוכלו לשורפו, ואם כן באותה מידה אף מה שאמרו בגמרא שאומר הקדוש ברוך הוא 'ואני עתיד לבנותה באש', אין הכוונה כפשוטו שיבנה בית המקדש על ידי בורא כל עולמים, אלא המכוון הוא שהקדוש ברוך הוא יסבב את בניינו, אשר תיבנה בפועל על ידי עושי המלאכה.

אך דברים אלו יש מקום לדחות, כדברי הנפש החיים (שער א פרק ד) שכתב לפרש את כוונת דברי הגמרא על פי הידוע מדברי המדרש (שיר השירים רבה ג, ב): "כתיב (ישעיהו מז, ב) קחי רחים וטחני קמח, אמר רבי יהושע בן לוי, כל עמא טוחנין 'חטים' ואת אמרת קחי רחים וטחני 'קמח'? אלא כך אמרה ירושלים לבת בבל, אילולי ממרום עשו מלחמה עמי, את היית יכולה לי (בתמי'), אילולי שלח אש בעצמותי את היית יכולה לי (בתמי'), הוי קמחא טחינא טחנת, ואריא קטילא קטלת, ודרא יקידא יקדת".

המשך בשבוע הבא אי"ה

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע

*דעם קומענדיגן פרייטאג י"ב אלול געפאלט אויס די יומדל"ק פונעם הייליגן רבי שמחה בונם מפרשיסחא, רבי שמחה בונם בן רבי צבי הירש זי"ע.*

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי ר' שמחה בונם מפרשיסחא זי"ע איז געבוירן געווארן אין יאר תקכ"ז לפ"ק.

רבי ר' בונם פלעגט זיך באשעפטיגן אין מסחר, אבער ער פלעגט אויך זיצן און לערנען בהתמדה גדולה, זייענדיג פארערכענט פון די גרעסטע עילויים אין שטאט פרשיסחא, וואס איז געווען א גרויסע שטאט פיל מיט תלמידי חכמים.

רבי ר' בונם איז געווען א תלמיד פון די פאלגענדע הייליגע צדיקים, דער חוזה פון לובלין זי"ע, רבי משה לייב סאסובער זי"ע, און דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע, וועלכע האט זיך אויסגעדריקט אויף אים "ער איז פון מיינע אויסדערוועלטע תלמידים".

אין די שפעטער'דיגע יארן האט זיך רבי ר' בונם מדבק געווען אינעם הייליגן יהודי הק', ווי רבי ר' בונם האט אים גענומען פאר רבו מובהק, און זיך אנגעקניפט אין אים בכל נימי נפשו.

טראץ דעם וואס רבי ר' בונם איז געווען באקאנט אלס א גאון און עילוי, האט ער נישט געוואלט אננעמען קיין שום רבנות פאסטן אין קיין שטאט. נאכן פטירה פון רבו מובהק דעם יהודי הק', איז דער יהודי הק' געקומען צו אים אין חלום, און באפוילן צו אים ממלא מקום זיין, און ווייטער פירן זיין עדה הקדושה, דאן האט רבי ר' בונם מסכים געווען דערצו, און איז אויפגענומען געווארן אין שטאט פרשיסחא.

רבי ר' בונם איז נסתלק געווארן אום י"ב אלול אין יאר תקפ"ז לפ"ק, ומנו"כ איז אין שטאט פרשיסחא.

פון זיינע דברי תורה זענען געדריקט אין די ספרים "קול שמחה", און "שמחת ישראל", "קול מבשר".

### עבודתו בעת התפלה

עס ווערט געברענגט אז די עבודת התפלה פון רבי ר' בונם איז געווען וואונדערליך. פון איין זייט איז רבי ר' בונם געשטאנען אויף איין פלאץ, גראד, אן קיין שום תנועות, אבער פון זיינע אויגן זענען געפלאסן טייכן טרערן, אן קיין אפשטעל במשך די גאנצע דאווענען.

### שבתות למנוחה

בשם הרה"ק רבי ר' בונם מפרשיסחא זי"ע: כמה אני מקנא הקצב שעובד כל עש"ק לחלק בשר לכבוד שבת קודש, ובערב מתייגע מבית לבית לגבות המגיע עד ששומע קול שמקבלים שבת בביהכנ"ס, ורץ בכל כוחו לקבל השבת קודש וממהר לביתו לקדש ולאכול, אז אומר: "געלויבט השי"ת שנתן לנו השבת למנוחה" שהוא "אויס מענטש" מעבודה שביום, ועתה ת"ל הרחיב לו. סיים רבי ר' בונם: הלוואי שיטעום טעם שבת קודש כקצב הנ"ל. ע"כ.

### דער פארשיינט אלע היכלות

אין די ערשטע יארן פלעגט זיך רבי ר' בונם מפרשיסחא באשעפטיגן מיטן פירן א אפטייק. איינמאל האט זיך געמאכט אז אן אייניקל פונעם הייליגן פני יהושע זי"ע איז אריינגעקומען אינעם אפטייק, און שטייענדיג דארטן האט דער איד געקלערט אז רבי ר' בונם טוט פארשידענע אומאויסגעהאלטענע זאכן.

יענעם אויפדערנאכט איז דער פני יהושע געקומען אין חלום צום אייניקל, און האט אים דערלאנגט א פעטש'ל, זאגענדיג "קוק נישט נאך רבי בונם, דער פארשיינט אלע היכלות"...

### דאס פינטל פון מיין הארץ

דער הייליגער יהודי הק' מפרשיסחא — רבו מובהק, האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי ר' בונם מפרשיסחא "דאס פינטל פון מיין הארץ".

### א גנב מיט אמונה

רבי ר' בונם האט אמאל געזאגט, ווען א גנב האט ווען אמונה, וואלט דער גניבה אריינגעקומען אין זיין הויז אריין, נאר וואס דען, ער איז דאס מקדים מיט אן איסור...

### ער איז בבחינת אליהו הנביא

דער הייליגער רבי ישעיה מפשעדבורז זי"ע האט אמאל געפרעגט דעם רבי יצחק מווארקא זי"ע, "וואס רעש'ט עטס אזוי מיטן הייליגן רבי ר' בונם מפרשיסחא", האט אים רבי יצחק געענטפערט, "דער הייליגער רבי ר' בונם איז בבחינת אליהו הנביא ואלישע".

### תורת ה' תמימה

רבי ר' בונם האט אמאל געזאגט אז אלעס איז נפגם געווארן ביים חורבן בית המקדש, חוץ דער הייליגער תורה, און דערפאר רופן מיר דאס טאקע אן "תורת ה' תמימה", ווייל עס איז נישט נפגם געווארן, און איז אלעמאל געבליבן גאנץ.

### התעוררות לעבודת השי"ת פון יציאת מצרים

רבי ר' בונם האט אמאל געפרעגט א געוויסע צדיק פון וואו ער נעמט התעוררות צו דינען דעם אייבערשטן. האט ער אים געענטפערט, אז פון דעם פסוק אין ישעיהו (מ' כ"ו) "שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה". ווען רבי ר' בונם האט געהערט דעם פסוק, האט ער צוריקגעזאגט, פון דעם קען יעדע מענטש אפילו א גוי נעמען התעוררות, אבער א 'איד' דארף נעמען התעוררות לעבודת השם פון "יציאת מצרים".

### ווער קען, און ווער דארף

רבי ר' בונם האט אמאל געזאגט, אז אויב עס וואלט געווען אין זיינע הענט, וואלט ער מבטל געווען אלע תעניתים, חוץ פון יום הקדוש און תשעה באב, זאגענדיג, יום הקדוש ווער ברויך דען עסן, און תשעה באב ווער קען דען עסן?!

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**

המשך מע' ג

וועלכער איז געווען געבינדן צו זיין בעט, און זיך נישט געקענט באוועגן פון גרויס שוואכקייט. פאר'ן געזעגענען האט אים דער אבני נזר אנגעזאגט אז ער זאל עסן פאר'ן דאווענען צוליב זיין שוואכקייט. ווי עס ווערט דערציילט האט דער גאון יעדן טאג געגעסן פאר'ן דאווענען און געזאגט די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו לשמוע דברי חכמים.

*

## וחובר חבר... ודורש אל המתים.

הרה"ק בעל מראה יחזקאל פון דעעש ז"ל איז אמאל געווען אין איינע פון די שטעטלעך אין זיבענבערגן אויף א שבת, ווען מ'האט אים געוואלט אויפרופן צו די תורה האבן די גבאים באשלאסן אז מ'קען אים נישט אויסרופן מיטן געווענטליכן טיטול "חבר" וואס מ'רופט אויס יעדן תלמיד חכם, האב זיי אים אויסגערופן יעמוד "החובר חבר", נאכמיטאג ווען ער האט געהאלטן א דרשה האט ער געזאגט בדרך הלצה, "פארמיטאג בין איך געווען א חובר חבר, און יעצט בין איך א דורש אל המתים"...

*

## לא ימצא בך... מעונן ומנחש.

ווען מ'האט געפרעגט דעם גאון ר' מאיר שפירא ז"ל פארוואס ער בויעט אזא הערליכע ישיבה, אין די צייט וואס אין פוילן איז געווען די שטייגער צו לערנען אין שטיבלעך, האט ער ערקלערט, דאס איז געווען גוט אין די דורות הראשונים ווען דאס יראת שמים איז געווען אויפן העכסטן שטאפל, אבער איך זארג מיך אז אויב וועט נישט זיין קיין ישיבות, וועט נאך קומען א צייט אין פוילן ווען מ'וועט פרעגן א שאלה פון א רבי צי דער עוף איז כשר, וועט ער עפענען א חומש און זעהן אויב דער ערשטע אות אויבן איז א "ק" איז דאס כשר, א "ת" טריפה, און איך וויל נישט עס זאלן צוקומען דערצו...

*

## ואל תתן דם נקי בקרב עמך ישראל.

די שטוב פון הרה"ק ר' איציקל קאלישער זצ"ל דער ברודער פון הרה"ק ר"ר מאיר'ל מפרעמישלאן ז"ל איז שטענדיג געווען אפן פאר אדורכגייער. יעדער האט דארט געטראפן אן ארט זיך אפצורוען. איינמאל איז א גוי אנגעקומען און געבעטן עפעס צו עסן. דעמאלטס האט דער רעבעצין פארענדיגט באקן חלות לכבוד שבת, זי האט גאנץ ווייניג חשק געהאט אראפצונעמען פון די שבת'דיגע חלות פאר א גוי, אבער דער צדיק האט איר צוגערעדט זי זאל יא געבן א חלה פאר'ן גוי, און האט איר מסביר געווען "בלוט וועט דערפון נישט רינען". די רעבעצין האט נישט פארשטאנען די פשט פון די ווערטער, אבער זי האט אויסגעפאלגט דעם באפעל פון איר הייליגן מאן.

יארן שפעטער ווען ר' יצחק איז געפארן קיין אונגארן, איז ער דורכגעפארן די קאפאטן בערג, אינמיטן האבן אים די רויבער פארכאפט, און ווי זייער געזעץ מאנט, האט מען געפירט צום הויפט רויבער. דער הויפט רויבער איז געווען דער גוי וועלכער האט געגעסן ביי ר' יצחק. ער האט אים באלד דערקענט און אויסגערופן, דער איד האט מיר אמאל דערהאלטן ביים לעבן, זאל איך אים יעצט צונעמען זיין לעבן? שיקט אים שוין ווייטער! ווען ער איז אהיימגעקומען האט ער געזאגט פאר זיין רעבעצין "געדענקסט כ'האב דיר געזאגט, אז עס וועט נישט גיין בלוט דורכדעם וואס מיר וועלן אויפשניידן די חלה".

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ו' אלול | הרה"ק רבי יקותיאל יודא בן רבי אלעזר ניסן זי"ע - מ'סיגוט - ייטב לב | תרמ"ג |
| י' אלול | הרה"ק רבי פנחס בן רבי אברהם אבא זי"ע - מ'קאריץ - אמרי פנחס | תק"נ |
| י"ב אלול | הרה"ק רבי שמחה בונם בן רבי צבי הירש זי"ע - מ'פרשיסחא | תקפ"ז |
| י"ב אלול | הרה"ק רבי משה אליקים בריעה בן רבי ישראל זי"ע - מ'קאזניץ - באר משה | תקפ"ה |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ו' אלול | הרב החסיד ר' חיים יוסף ז"ל בהרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשער זצ"ל<br>אחיו של רביה"ק זי"ע | תשנ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| ז' אלול | הרב החסיד ר' דניאל אברהם בן ר' אשר לעמיל ע"ה זוסמאן | תש"ס | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ח' אלול | האשה החשובה מרת אסתר בת ר' דוד ע"ה גרינוואלד<br>אשת הרה"ח ר' משה צבי ע"ה | תש"ס | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ט' אלול | הרב החסיד ר' אברהם יצחק בן ר' דוד ע"ה הויער | תשס"א | ביה"ח בקרית יואל |
| י"א אלול | הרב החסיד ר' מנחם בן ר' יואל זוסמאן הכהן ע"ה ענגעל | תשע"ד | ביה"ח וויזניץ מאנסי |

## כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ובאת אל הכהנים וגו' ודרשת והגידו לך את דבר המשפט.

הרה"ק מ'שינאווא זי"ע האט אמאל געוואלט פרעגן זיין שווער דער הייליגער ארי' דבי עילאי זי"ע וואס ער האלט איבער די ענין פון תעניתים, ווען ער איז אריינגעקומען צו זיין שווער, האט זיין שווער געהאלטן אינמיטן רעדן מיט איינעם, און אינמיטן די שמועס האט זיך דער ארי' דבי עילאי אנגערופן און געזאגט "פאסטן אז מען קען מהיכי תיתי, אבער נישט דאס איז דער עיקר", ווען דער הייליגער שינאווער רב האט דאס געהערט איז אים שוין אלעס קלאר געווארן, און ער האט שוין גארנישט געדארפט פרעגן.

דאן האט דער שינאווא'ר רב געטייטשט אין פסוק "כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ובאת אל הכהנים וגו' ודרשת והגידו לך את דבר המשפט, לכאורה וואלט געדארפט שטיין "ודרשתם" ענק זאלן גיין פרעגן די צדיקים, און פארוואס שטייט ודרשת, נאר וואס דען, ובאת אל הכהנים מיינט אז מען זאל גיין צו די צדיקים און הערן זייערע רייד, און דורך דעם גייט מען אליינס פארשטיין ווי אזוי זיך צו פירן, און דאס מיינט ודרשת, אז דו אליינס גייסט פארשטיין פון די צדיק'ס רייד ווי אזוי זיך צו פירן, אן דעם וואס דו זאלסט אים אפילו דארפן פרעגן.

*

ווען דער הייליגער ישמח משה זי"ע איז געקומען צו פארן צום ערשטן מאל צו זיין הייליגן רבי'ן דער חוזה פון לובלין זי"ע נאך פאר ער איז נתקרב געווארן צו חסידות, איז אים שווער געווען עטליכע זאכן, און ער האט דאס געוואלט פרעגן פונעם הייליג'ן חוזה זי"ע, און דאן איז אים שווער געווען פארוואס חסידים דרייען זיך אייביג ארום אזוי פריילך און אופגעלייגט, אפילו אין די ימי בין המצרים, עס שטייט אין שולחן ערוך "ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש", און אויך איז אים שווער געווען די מימרא אין חז"ל "הבא ליטהר מסייעין אותו", לכאורה וואלט געדארפט שטיין "מסייעין אותו" מיט א לשון יחיד, אז דער אייבערשטער העלפט אים צו.

ווען דער ישמח משה איז אריין צו דער חוזה, נאך פאר ער האט געקענט פרעגן סיי וואס, האט זיך דער חוזה אנגערופן צו אים, פארוואס זענט איר אזוי צוטראגן, עס שטייט טאקע אין שלחן ערוך ראוי לכל ירא שמים שיהא מיצר ודואג על חורבן בית המקדש, אבער די חובת הלבבות האט געזאגט "הפרוש צהלתו בפניו ואבלו בלבו", אז פון אינעווייניג אין די הארץ דארף טאקע זיין אבילות אויפ'ן חורבן, אבער אינדרויסן דארף מען ארויסווייזן שמחה, גלייבטס מיר אז אונז פראווענען אויך תיקון חצות מיט בכיות והספד, אבער נאכאלץ איז אלעס בשמחה.

און דער חוזה האט צוגעענדיגט אז עס שטייט אין חז"ל הבא לטהר מסייעין אותו בלשון רבים אז יעדער איינער העלפט אים ארויס, און איך דארף דיר אויך ארויס העלפן, און די ישמח משה האט צוגעקוקט מיט וואונדער צו די רוח הקודש פונעם הייליגן חוזה, אז ער האט אים געענטפערט אויף אלע זיינע קשיות נאך פאר ער האט אים דאס געפרעגט, און דעמאלס איז ער נתקרב געווארן צו חסידות.

*

הרה"ק ר' מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע האט אמאל געזאגט פאר איינעם אז ער זאל זיך צוביגן צו די קלאמקע פונעם טיר, ווען יענער האט זיך צוגעבויגן האט ער געהערט ווי א איד זאגט פאר זיין ווייב, אז ער וויל ארויספארן צום רבי'ן, און זיי האבן זיך צוזאגנט און דער איד איז ארויסגעפארן, א שטיק צייט שפעטער איז דער איד טאקע אנגעקומען קיין פרעמישלאן, און ר' מאיר'ל האט דערמיט געוויזן פאר דעם איד, אז ווען איינער גרייט זיך שוין ארויסצופארן ווייסט ער שוין אז ער קומט און ער האלט אלעס מיט.

*

אויך איז באקאנט אז דער הייליגער סב"ק זי"ע ווען ער פלעגט אויפנעמען מענטשן וואס זענען געקומען מיט בקשות, האט ער זיי אנגעווינטשן נאך פאר זיי האבן געענדיגט רעדן.

אויך ביי רבינו הק' זי"ע האט מען אסאך מאל געזעהן, ווען בחורים זענען אריינגעקומען פרעגן שאלות, האט דער רבי תיכף אנגעהויבן רעדן צו זיי נאך פאר זיי האבן געפרעגט און משך די שמועס איז אלעס געווארן פארענטפערט.


יומא דהילולא קדישא
ז' אב תשפ"ה
פועל'ט אויף אלעס גוטס

ילכו מחיל אל חיל

שטייענדיג נאך די דערהויבענע
יומא דהילולא - ז' אב

וואס איז אריבער מיט געהויבענע געפילן פון געזאנגען און התעוררות, און יעדער האט זיך זיכער איינגעבעטן אלעס גוטס בזכותו הגדול והקדוש.

דער ציבור לאלפים האט ב"ה צוגעזעהן און מיטגעהאלטן די אלע חידושים, תיקונים ושינויים לטובה, וואס די עסקני הקהלה האבן אריינגעלייגט איבערמענטשליכע כוחות צוצושטעלן אלעס ארום די יומהדל"ע אויפן שענסטן און בעסטן אופן לטובת ולשביעת הציבור.

טוען מיר בעטן פון אלע אנ"ש, היות מיר גרייטן זיך בעז"ה צו גיין מחיל אל חיל, און צושטעלן אלעס מיטן ריכטיגן כבוד הציבור.

אויב האט איר סיי וועלכע הערות, עצות, געדאנקען, און פארשלאגן,
צו פארבעסערן און פארשענערן סיי וואס ארום די יומהדל"ע אדער עפעס מאורעות בחצרות קדשינו.
ביטע איבערלאזן א מעסעדזש אויפן ספעציעלן 'דעת הקהל' אפטיילונג אויף קול איחוד טאהש:

514-500-8674/ 718-451-8674
עקס. #960
אדער שיקט א אימעיל צו
dasshakuhal@gmail.com

ווי יעדע מעסעדזש וועט גענומען ווערן אין באטראכט, און זיין פאר אונז א שטארקע הילף אין די קומענדיגע יארן לטובת ולהנאת הציבור.

ע'פועל'ט אלעס גוט'ס




# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מר"ץ

דאס ראטעוועט פון זינדיגן[1], די מיילער פון די מקטריגים ווערן צוגעשטאפט[2], ער ווערט א שותף מיטן אייבערשטן במעשה בראשית[3], ער איז פאריכערט אז זיין תפלה וועט נתקבל ווערן[4], ער איז זוכה צו מכניע זיין דעם יצר הרע[5], ער איז זוכה צו שכר בעולם הזה[6], ס'איז מסוגל צו זוכה זיין בתורה[7], ער איז זוכה צו א קלארע און ריכטיגע דעה[8], ער איז זוכה צו השראת השכינה[9], תפילין של יד איז מציל פון שפיכות דמים און של ראש איז מציל פון גאוה[10]. ער איז זוכה צו טויזנט מלאכי שמירה[11], ער איז זוכה צו חשקת התורה[12], ער איז זוכה צו געדענקן תורה[13]. (מ'דארף געדענקן אז אמאל קענען אנדערע עבירות גורם זיין אז דאס זאל נישט ראטעווען פון זינדיגן[14]).

1 מנחות (מג:) 'רבי אליעזר בן יעקב אומר כל שיש לו תפילין בראשו ותפילין בזרועו וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו, הכל בחיזוק שלא יחטא, שנאמר והחוט המשולש לא במהרה ינתק'.

2 זוהר חדש (רות קג ע"ב).

3 ברוך שאמר הקדמון, רוקח (עמ' מג)

4 תורת חיים (קאסוב משפטים)

5 מאור ושמש.

6 דברי יואל (ח"א ריג).

7 מנחם ציון.

8 שפת אמת.

9 ילקוט הראובני.

10 מנות הלוי.

11 מדרש רבה פי"ב) 'היד שהיא שולטת על מצוה אחת זו מצות תפילין כתוב בה יפול מצדך אלף שמסרו לה אלף מלאכים לשמרה'.

12 תפארת שלמה (ראה ד"ה א"י).

13 שמש ומגן (דרוש ל ד) בשם האריה"ק זי"ע והביא רמז והי' לך לאות על ידך וזכרון בין עיניך למען תהי' תורת ה' בפיך ר"ל ע"י בתפילין תהי' התורה שגור בפה לבלתי שכוח עכ"ד.

14 ספר שער התפלה (שו"ת סי' י עמ' תא בדפו"ח) 'וכבר כתבנו במקום אחר שעל כן אמרו חז"ל (מנחות דף מג) כל שיש לו תפילין בראשו כו' וציצית בבגדו ומזוזה בפתחו כו' בחיזוק שלא יחטא כו' עד כאן, ולכאורה אנחנו רואין בני אדם גם בני איש ששלש אלה יעשו להם ואינם בטוחים מן החטא, ואולם כי לכאורה היה לו לומר מי שיש לו תפילין 'על' ראשו, כי הלא על הראש הם התפילין ולא 'בראש', ואמנם במי שהם על ראשו לבד, ואינו משימם בראשו לשים מחשבתו בהן, הרי הוא כמו שמניחן על הכותל, אם הוא אינו מהרהר כלל הכתוב בהן, מה לי שמונחים על הראש או על הכותל והשלחן וכדומה, רק מי שיש לו תפילין בראשו, שבראשו מונחים התפילין, שמחשבתו קשורה וצמודה במה שכתוב בהתפילין והוא יחודו ואחדותו יתברך כנזכר למעלה, ואשר לו הכח והממשלה ולשעבד על ידיהם תאות הלב והמחשבה שבראש עם שאר חושיו וכוחיו, זה הוא אשר בחיזוק שלא יחטא'.

### אויב מ'לייגט נישט תפילין/ ס'ליגט נישט אויפן ריכטיגן פלאץ/פסול'ע תפילין

דער וואס לייגט נישט קיין תפילין ווייל די מצוה איז נישט חשוב אין זיינע אויגן רח"ל, אפילו ער טוט דאס נאר איינמאל, גייט ער אריין בגדר 'פושעי ישראל בגופם', כל זמן ער טוט נישט תשובה[15].

אפילו מ'איז א בינוני וואס דער אויבערשטער טוט נייגן דעם כף מאזניים צו חסד, אויב האט מען די עבירה פון נישט לייגן תפילין צווישן זיינע עבירות, טוט די כף חובה מכריע זיין, און ער מוז גיין אין גיהנום, כל זמן ער טוט נישט תשובה[16].

אזוי אויך דארף מען נזהר זיין צו לייגן אויפן ריכטיגן פלאץ[17].

איינער וואס לייגט פסול'ע תפילין, איז נישט נאר וואס ער איז נישט מקיים די מצוה, נאר ער מאכט אסאך ברכות לבטלות[18].

## נזהר זיין בכשרות התפילין

דעריבער זאל מען נזהר זיין צו קויפן די תפילין פון א מומחה, ירא שמים, און א ת"ח. און מ'זאל קויפן די רצועות פון א איש נאמן, כדי צו זיין בטוח אז עס איז געמאכט לשמן און פון טהור'ע הויט[19].

מ'זאל מהדר זיין נאך שיינע תפילין, אזוויו עס שטייט 'זה קלי ואנוהו' אז א סופר אומן שרייבט מיט א שיינע שריפט, שיינע טינט, שיינע פעדער און שיינע פארמעט[20], ממילא איז אויך ראוי אז די בייטל זאל זיין שיין[21] (אבער נישט וואס איז אין סטייל, וואס דאן איז דאס שוין נישט פאר די מצוה).

מ'דארף אכטונג געבן אז די תפילין זאל נישט פסול ווערן מיט די יארן. ווי למשל ס'זאל זיך נישט אפגעשיילן די שווארצקייט פון די בתים אדער רצועות.

ס'זייער וויכטיג צו געדענקען, אז מיט די יארן ווערט די רצועה אויסגעברייטערט, און מ'דארף עס מאכן קלענער[22]. ווען מ'פאררעכט דאס, דארף מען זאגן פארדעם 'לשם קדושת תפילין'[23].

## נעמען פון תפילין

די תפילין ווערט אנגערופן אין די תורה; א. טוטפות; ס'דא אויף דעם פיר טייטשן א. ווייל ס'דא פיר בתים קעמערלעך אין די תפילין של ראש, און אין שטאט 'כתפי' רופט מען צוויי 'טט', און אין 'אפריקע' רופט מען צוויי 'פת' צוזאמען איז 4[24]; ב. דאס איז א לשון פון 'רעדן' דער וואס זעט דאס צוגעבינדן ביי די אויגן וועט געדענקן די נס פון יציאת מצרים און רעדן דערפון[25]; ג. א לשון פון א צירונג[26]; ד. א לשון פון קוקן[27].

15 תוס' (שבת מט. ד"ה כאלישע); שו"ע (סי' לז ס"א), מ"ב (סק"ב) 'אפילו מניעתו הוא רק לפרקים, וכ"ש אם מבטל תמיד ממצוה זו, והפמ"ג הביא בשם נחלת צבי, דאפילו מי שביטל מתפילין יום אחד הוא ג"כ בכלל פושעי ישראל', וראה במ"ב (שם בסק"ג); ובשלחן מלכים (סי' י דף רפב אות ו).

16 מ"ב (לז סק"ד).

17 מ"ב (סי' לז סק"ג): 'זה הוא תוכחת מגולה לאותן אנשים שמפני עצלותן מציו שיהיו תפיליהן מונחין על מצחן ולא על הקרקפתא, וגם השל יד אין מונח על מקומו כדין, דהלא זה הוא כמי שלא הניח כלל, וכבר זירז ע"ז ג"כ הפמ"ג שכתב דתפילין שמונחין שלא במקומן הרי הם כמונחין בכיסן'; ליקוטי מהרי"ח (ח"א דף טו ע"ב) 'אין הכוונה דוקא באם אינו מניחן כלל, רק אם אינו מניחן כדינו, או שהתפילין אינו כדינו ג"כ בכלל זה'.

18 מ"ב (לז סק"ד).

19 פמ"ג (סי' לב סק"ט), וקיצוש"ע (סי' י ס"א) ומוסיף 'אם על מלבושיו וכליו הוא מהדר שיהי' תיקונן מכ"ש בחפצי השי"ת'.

20 מ"ב (לז סק"ד).

21 ספר חסידים (סי' קכט) 'כבד את ה' מהונך אתה קונה ארגז לשמור כסף וזהב יותר יש לך לקנות ארגז נאה להצניע ספריך ותפיליך'.

22 וחזינן כמה בני אדם שהתפילין שלהם יורד על המצח כי בלא יודעים הרצועה מתרחב, ובכמה ספרים הרעישו ע"ז, ועי' יערות דבש (ח"ב דרוש ב), ובאות חיים ושלום סי' כז אות טו).

23 אם מרחיבו או מקצרה באמצע הנחת תפילין, יכול לומר 'לשם קדושת תפילין', כי הוא דבר המעכב, עי' ביאור הגר"א (או"ח סי' לב ס"א), ובבית שמואל (אבעה"ז סי' קלא סק"ח), ושועה"ר (סי' לב סל"א), וע"ע במ"ב (סי' יא סק"ד), ועי' שו"ת חיי הלוי (ח"י סי' ז) 'נראה דיש לרמז לחבירו לעשותו, והגם שאסור לרמז בעיניו, נראה שזה רק לכתחילה, אבל באופן דידן שהוא לצורך התפילין מותר, ובאופן שחבירו אינו מבין רמיזתו יש להקל לכתוב על נייר לחבירו שיצבע בהתפילין, ויאמר לשם קדושת תפילין, ובאופן שג"ז אינו בידו נראה דיש להקל לומר בעצמו לשם קדושת תפילין ולצבוע התפילין כיון שהוא לצורך התפילין, ומבואר בפוסקים דכשא"א בענין אחר מותר להפסיק, והגם שיש מקילין שסגי לחשוב במחשבה לשם מצות תפילין, נראה דכיון דיש מחמירין לומר בפיו אינו נקרא הפסק, ומותר לכתחילה לומר בפיו ולצבוע דהוי לצורך התפילין'.

ועושין הקשר חזק שיהי' באופן שלא יהי' ניתר ביד אחד, עי' עובר אורח על ארחות חיים (סי' כז ס"י), ובדברי יחזקאל החדש (הליכות והלכות) שיהי' באופן שא"א להתירו ביד אחד.

24 סנהדרין (ד:)

25 רש"י (שמות יג טז).

26 תוס' מנחות לד:).

27 תוס' (שם).

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסטע
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
877.760.0544

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841


## קושן די תפילין ביי העברת הסדרה ביי "וקשרתם לאות על ידכם"

דעם פאראנגענעם פרשת ואתחנן און פרשת עקב, האט מען געלערנט אין די תורה די פרשה פון "ואהבת" און די פרשה פון "והיה אם שמוע". ווען איך בין אנגעקומען אהין צום מעביר סדרה זיין צו "וקשרתם לאות על ידיך" און צו "וקשרתם לאות על ידכם" האב איך געטראכט צו מ'קישט דעמאלטס די תפילין אזוי ווי ביים דאווענען,

לכאורה איז שווער צו וויסן וואס כ"ק מרן רביה"ק זי"ע האט געטוהן, ווייל אנגעפאנגען פון בערך שנת תש"נ, האט דער רבי ערשט מעביר סדרה געווען פרייטאג צונאכט'ס פאר די סעודה. וויל איך וויסן פון איינע פון די זקני החסידים וואס ווייסן אדער געדענקן פון פריער וואס דער רבי פלעגט טוהן.

אז מ'רעדט שוין פון קושן די תפילין, איז אינטערעסאנט אנצומערקן, אז דער הייליגער רבי זי"ע פלעגט קושן די תפילין של יד גלייך מיט די מויל, ער האט נישט געלייגט קודם די האנט אויפן תפילין און דערנאך געקושט די האנט, נאר געקושט דירעקט די תפילין אליינס.

## תכלית און ציהל פון רביה"ק אויפצובויען דעם ישיבה און שטעטל בדם לבבו הטהור

א גוטן די חשובע מערכת.

די וואך האט א אינגערמאן געשריבן א בריוו, אז מ'זאל ממשיך זיין ווי ס'איז געווען אמאל, צוצוגיין צו יעדע אינגערמאן און בעטן אינטערצושרייבן די תקנות. און ער ווארט אז מ'זאל צוקומען צו אים. ס'איז זייער א שטארקע זאך, זייער אן אמת'ע ריכטיגע זאך. און איך גלייב אז ער איז נישט דער איינציגסטער וואס ווארט דערויף, נאר נישט אלע אינגעלייט וועלן ארויסדרוקן זייערע געפילן אדער בקשות אין פאבליק. ווי ס'לויטעט דעם כלל אז פון יעדע הונדערט מענטשן וואס האבן א הערה אדער מיינונג אן סיי וועלכע ציבור'ישע זאך, וועט זיין בלויז איינער וואס וועט למעשה נעמען די מיה זיך צו טאקע לאזן הערן דערוועגן.

אריינטראכטנדיג אין זיינע ווערטער, קומט ארויס זייער א שטארקע מעסעדזש פון זיין בריוו. ווייל עס ווייזט ארויס, אז כאטש עס געפינען זיך נאך מענטשן – סיי פון די פרישע אינגעלייט וואס קומען דא וואוינען, און אפי' פון די וואס זענען שוין דא לאנגע יארן באזעצט – וואס הייבן נישט אן צו כאפן די עיקר ציהל פארוואס דער הייליגער רבי האט געבויעט בכלל א שטעטל, דאך איז רביה"ק שטאלץ בשמי מעל, ס'קומט א אינגערמאן און בעט זיך אז מ'זאל צוקומען צו אים אונטערצושרייבן די הייליגע תקנות.

דאס איז אויסער דעם וואס דאס גיבט אויך א געוואלדיגע כח פאר כ"ק מרן רבינו שליט"א, ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין משאת אביו הק', ווי דער רבי זאל זיין געזונט רעדט דערפון כסדר, אז די שטעטל זאל זיך ווייטער פירן בקדושה וטהרה, און מ'זאל איינהאלטן די תקנות וואס זיין הייליגע טאטע רבינו הקדוש זי"ע האט שטענדיג געפאדערט, און עס געבעטן אונטערצושרייבן.

די תכלית און כוונה וואס דער הייליגער רבי האט געבויעט און אויפגעשטעלט דעם שטעטל, איז בכלל נישט וואס געוויסע טראכטן אפשר, אז ער האט געוואלט מאכן א זכרון פאר זיינע זיידעס. נאר זיין ציהל איז געווען זייער קלאר, – ווי דער רבי זאל זיין געזונט האלט עס אין איין חזר'ן, – אז מ'זאל זיך קענען דערהאלטן ביז משיח'ס טאג, מ'זאל זיין אפגעשיידט פון די גוים, אפגעשטיידט פון גויש'קייט, לעבן מיט ערליכע אידן צוזאמען מיט אחדות, זיך פירן ערליך, און אזוי ווי ס'פאסט פאר חסידישע אידן. דאס איז געווען די כוונה פון רבינו הק' צו בויען דעם שטעטל.

און אז מ'טראכט אריין בעצם. וואס איז שוין די תקנות? פשוט צו מאכן גדרים וסייגים, זיכער צו מאכן אז מ'וועט גיין בצניעות, אז מ'זאל נישט האבן קיין טמאנ'ע כלים, זיין אפגעשיידט פון די גוישע גאס, און פון די אידישע פארגוישטע גאס. און אז מ'זאל לעבן באחדות די גאנצע עולם צוזאמען. דאס איז די גאנצע תכלית פון די תקנות.

עטליכע יאר צוריק בימי הילולא קדישא, איז ווי מ'געדענקט, ארויסגעלאזט געווארן אין גאנג אן 'עיר הצדק' התחדשות התקנות, א התעוררות וואס דער רבי זאל זיין געזונט האט מתריע געווען, און דערויף האבן די עסקנים, געשטעלט דורך די בית הוראה, געברענט א שטארקע אויפוואכונג צום גאנצן עולם, ובראשם איז געשטאנען דערויף הגה"צ הדומ"ץ שליט"א, אז יעדער זאל אונטערשרייבן די תקנות פונדאסניי. און מ'מוז זאגן לשבח, אז א שיינע מערהייט פונעם עולם, אפאר הונדערט אידן פונעם שטעטל, האבן פאקטיש געטוהן למעשה און אריינגעגעבן די תקנות אונטערגעשריבן הם ונשותיהם.

אין יענע תקופה האב איך געהאט די זכיה אביסל מיטצוהאלטן פון דער נאנט די ארבעט פון די עסקנים לשם שמים, ווי מ'האט זיך איבערגעגעבן בלב ובנפש צוצוהעלפן כ"ק רבינו שליט"א מיט דעם געוואלדיגן התעוררות מחזק צו זיין די תקנות, און אז דער ציבור

זאל אונטערשרייבן דערויף. איך האב מיטגעהאלטן און צוגעזעהן ווי ס׳איז אריינגעגאנגען ממון ודמים און אסאך מח און כח דערין. איך געדענק יעצט ווי ס׳זענען געזיצן עטליכע חשובע אינגעלייט שעות ארוכות אין א פרייטאג נאכמיטאג, און אנגערופן פרעזענליך צו לאדענען צום אסיפה וואס איז געווען פאר די זקני העדה. באזונדער זענען אינגעלייט געזיצן צענדליגער שעות צו רופן יעדעם פון די מיטל–יארגאנג פאר נאך אן אסיפה. עס איז געווען ריזיגע סכומים געלט וואס מ׳האט אויסגעגעבן פאר די בראשורן און צעטלעך. און אזוי ווייטער און ווייטער וואס מ׳האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות דערין.

אויף למעשה איז די קאמפיין דעמאלטס נישט פולקאם צוגעגענדיגט געווארן, בעיקר איז געווען די שוועריקייט ווען ס׳איז געקומען צו די אינגעלייט, וואס מ׳האט שטערקער געדארפט באארבעטן און ארייגלייגן כחות עצומות אנצווואררימען און פארשטיין געבן פון וואס ס׳רעדט זיך דא, אז דאס איז פארן עתיד פונעם שטעטל און דער הייליגער רבי האט דאס גבעבטן פרעזענליך, און אזוי ארום יעדעם ארייננברענגען אין די זאך מ׳זאל זיין בדעה אחת.

און אזוי ווי ס׳איז א גוטע זאך איז עס געווען דאן זייער א שווערע אונטערנעמונג, ווי דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז יעדע גוטע זאך דארף אנקומען שווער. נישט יעדער האט פארשטאנען וואס מ׳מאכט דא א גאנצע מצב, געוויסע האבן חוזק געמאכט און אנדערע האבן אפי׳ געשטערט בכוונה אדער שלא בכוונה. עס זענען אינטערעקומען מענטשן וואס האבן געוואלט טראכטן בעפאר זיי שרייבן אונטער, ס׳זענען געווען מענטשן וואס האבן געגעבן קריטיק, און אזוי ווייטער און ווייטער. אזוי איז יענע התעוררות געבליבן שטעקן אינדערמיט און געבליבן ווארטן, נאך פאר עס איז געווען די געלעגנהייט משלים צו זיין עד הסוף אויך פאר די אינגעלייט, כרצון קדשו פון הייליגן רבין.

איך וויל ארויסברענגען איין נקודה, וואס קען אפשר זיין א נקודה וואס קען ארויסהעלפן. לאמיר מקדים זיין מיט א זאך וואס יעדער ווייסט אין ביזנעס. ווען א מענטש עפנט א נייע געשעפט, ער דארף עס עדווערטייזן, ער דארף שאפן א נייע קאסטומער באזע, האט ער אסאך א שווערערע פעלד ווי א צווייטער וואס האט שוין די קאסטומער׳ס, און ער דארף פשוט ארבעטן זיי אנצוהאלטן און עס פארגרעסערן וויפיל ער קען.

די זעלבע איז דא, אז עס איז אסאך שווערער אנצוהייבן מאכן א מצב און ארבעטן אנצוואררימען דעם עולם, און דערנאך זעהן וויאזוי עס ארבעט זיך אויס, ווען עטליכע קאפערירן יא, בעת אנדערע האלטן אנדערש, דער זאגט קריטיק, און דער זאגט גוטע עצות, און אינדערצווישן פאסירן נאך מניעות. עס איז גרינגער אנפאנגען מיט א געוויסע קאסטומער באזע, און פון דעם קען מען אסאך שטערקער ארבעטן און גיין מוסיף והוליך.

דער חשובע אינגערמאן וואס וויל זייער שטארק אינטערשרייבן, מוז ער נישט ווארטן אויף קיין כבוד אז מ׳זאל צוקומען צו אים און בעטן ער זאל אונטערשרייבן די תקנות. נאר אדרבה, א קבוצה אינגעלייט צווישן זיך וואס ווילן עס, זאלן זיך אליינס צוזאמען נעמען בחבורה אחת, וואס דערפון וועט מען קענען ווייטער פארשפרייטן די התעוררות צו אנדערע זיך מיטצוכאפן דערמיט, און פארגרעסערן די קאסטומער באזע לעשות רצון צדיק. דאס איז

אסאך אסאך גרינגער ווי ווען מהייבט אן פון אנפאנג ארויסצורופן צום ברייטן ציבור, ווייל ביי א גרעסערן עולם אויף אמאל איז די מניעות אסאך שטערקער ווי מ׳הייבט אן מיט צעהן אידן.

עס איז טאקע דא אזא זאך ׳ברוב עם הדרת מלך׳, אבער לדינא לגבי מנין ולכל דבר שבקדושה, האבן צעהן אידן די זעלבע כח ווי א מיליאן אידן....

איך ברענג עס נאר ארויס אלס געדאנק וואס איך האב געטראכט, און איך וועל הנאה האבן אויב מ׳קען דרוקן מיינע ווערטער אינעם גליון באור החיים. און דער אייבערשטער וועט העלפן אז ס׳זאל מצליח זיין.

מיט דאנק און שעצונג, א טאהשע איינוואוינער

## דרשה פון מנהל ישיב״ג תורת משולם פייש פאר שיעור ג׳ תפארת משולם פייש

א גוטן די חשובע מערכת.

לקראת דעם נייעם יאר שנת תשפ״ו און לקראת פתיחת הישיבה גדולה תורת משולם פייש דא אין קרית יואל, האט די ניי אויפגענומענע מנהל הישיבה גדולה הרה״ג ר׳ מענדל וואלף האלצער שליט״א, געהאלטן א דרשה אלס הכנה צו די בחורישע ישיבה גדולה יארן, פאר די עלטסטע כיתה שיעור ג׳ אין ישיבה קטנה תפארת משולם פייש, וואס וועלן קומענדיגע יאר אריינגיין לערנען אין ישיבה גדולה, ער האט אסאך פארציילט אין זיין דרשה פון הייליגן רבי׳ן זי״ע, און ווי ער פלעגט אסאך פארן קיין טאהש אין די פריערדיגע יארן מיט זיין טאטן, און נאך.

אן אינטערעסאנטע זאך האט דער מנהל געזאגט ביי די דרשה, די מקור איז פון ספר ׳דעת משה׳ פון הייליגן רבי משה׳לע קאזניצער זי״ע, וואס ברענגט עס נאך פון הייליגן רבי ר׳ זושא זי״ע. די מימרא איז ״אז א בחור איז געגליכן ווי א ווינטער טאג״. ווייל אין איין טאג קען מען האבן אלע מיני געפילן, אין איין טאג קען שיינען די זוהן, און אינעם זעלבן טאג קען זיין פארוואלקנט, עס קען בלאזן א ווינט, און עס קען ווערן קאלט, פלוצלינג קען שנייען, און עס קען אויך רעגענען, אין איין טאג קען געשעהן אלעס...

האט די מנהל ארויסגעברענגט אז בעצם איז אזוי די גאנצע לעבן פונעם מענטש. נאר ווען א בחור הייבט אן די לעבן, מיינט ער אז ס׳איז נאר ער... און ער איבערצייגט זיך צוביסליך אז ס׳איז אזוי דאס גאנצע לעבן. וואס קען געשעהן ביי א בחור אסאך מאל איז, אז ער רעדט זיך איין אז די ארום און ארום איז שולדיג, ער מיינט אז די חברותא איז די פראבלעם, ס׳איז פשוט די משגיח וואס טויג נישט, ער דארף פטור ווערן פון דעם מגיד שיעור אדער אנדערע איינגעשטעלטע, די ישיבה דארף זיך בעסער צושטעלן צו אים, ער וועט גיין אין אן אנדערע פלאץ, א נייע ישיבה מיט א נייע סביבה, דאן וועט אלעס בעסער ווערן...

דאס איז אבער געגליכן ווי איינער שטייט אין א ווינטער טאג אין א גרויסן וואלד, און ער מאכט א טענה ס׳זאל מער נישט שנייען אויף אים, ער שניידט אראפ די ביימער ארום אים ס׳זאל אים נישט




## זכו לנפשיה זכו נמי לאחריני

יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס



# יישר כחכם

## אשרי חלקכם

בעמדינו אחר יום הגדול והנשגב לישועה ולרווחה יום ההילולא קדישא בסייעתא דשמיא והצלחה, אלו הם אישי הציבור עסקנים חשובים שיעמדו על הברכה, במזמור לתודה בהכרה הערצה והערכה, בשם כל הקהל הקודש, ואלפי האורחים מהתם ומהכא, יזמרו וירננו בשיר ושבחה, על פעולותיהם הברוכות בחריצות ונאמנות כדת וכהלכה, אשר הטו שכמם באמונה לשאת ולעמוד בראש המערכה, ולעמוד לימיננו לסדר את המלאכה

# יומא דהילולא קדישא

## של כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זיעועכי"א

ז"ך מנחם אב תשפ"ה
פה אתרא קדישא קרית טאהש תע"א

**בצל קדשו של אבינו רועינו**

**כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו שליט"א**

ויה"ר שבזכות בעל ההילולא קדישא כ"ק מרן רבינו הקדוש
זצוקללה"ה יגן ויעמוד בעד כולנו להתברך ממקור הברכות והישועות,
ולאורו של ממלא מקום קדשו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
נסע ונלך עדי יוליכינו בקרוב לקראת משיח בן דוד בב"א

## ...זה לזה

...בכל השנה למען תו-
...ל ראשם וכוחם לסדר
...ראשון העסקן הדגול

**...וייס** הי"ו
**...ים"**
...", ובמיוחד
...ה"ר **משה הכהן**
**...ארץ** הי"ו, מו"ה
**...ם ברייער** הי"ו,
...ה **צבי הכהן**

---

...שליט"א
**...פר** שליט"א
**...חם**
...א
**...א** שליט"א
**...נן**
..."א
**...אן** שליט"א
**...ם**
...א
**...ליין** הי"ו

**...פישער**

---

## וכבוד גדול עשו לו

נעלה על נס פעולותיהם הנשגבות של ה'חברה קדישא' דקהלתינו הק' ובראשם

הגאון הגדול

# דומ"ץ קריתינו הק'

שליט"א

הרב הגאון רבי

# יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער

שליט"א

מנהל רוחני דישיבה קטנה

**ובמיוחד נודה**

האי איש האשכולות העומד במסירות ונאמנות במשך כל השנה למען כבוד מעיין הישועות הציון הקדוש

הרה"ח ר'

# חנוך דוד שלום וויינגארטן

הי"ו

ואתו עמו הב' **אברהם זיידא פויגעל** נ"י, הב' **חיים סג"ל טירנויער** נ"י, הב' **אשר ענזיל סג"ל קרויס** נ"י, הב' **מאיר עקשטיין** נ"י

ובמיוחד הב' **אשר ענזיל געלב** נ"י
וגם לרבות מוה"ר **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו
זכות הצדיק וזכות הרבים יגן בעדם

---

## הנה כי כן יבורך

יעלה ויבוא כל הברכות קדם ידידינו החשובים, עוסקים בצרכי ציבור במשך כל השנה

# הנהלת התלמוד תורה
# הנהלת ישיבותינו הקדושות
# הנהלת ביהמ"ד אברכים
# הנהלת וועד שיעורי תורה

שעזרו להצלחת היום באופן הראוי

---

## טוב להודות

...ה"ב החשובים הי"ה

מוה"ר **אברהם דוד וויס** הי"ו

•

# בעלי עי-בי

מוה"ר **משה פנחס מאירוביץ** הי"ו

•

# בעלי פיין טרענספארט

מוה"ר **אברהם אבא גאלדבערגער** הי"ו

•

ברכה מיוחדת להאי עסקן נמרץ
מו"ה **שרגא שמואל מיללער** הי"ו
אשר עמד בקשר עם שרי הגבולות לסדרו בנחת ובמהירות

**...ים** הי"ו
...הי"ו
**...ער** שליט"א
**...ער** הי"ו
**...רינג**
...ובניו מוה"ר
**...י'** הי"ו,

---

## בית הלוי נעימות יזמרו

ברכות לרוב יחול על ראשי העסקנים הדגולים

### מקהלות המנגנים בחצרות קדשינו

**בראשות המשורר הראשי**

מוה"ר **איתמר ארגעל** הי"ו

ואתו עמו האברכים החשובים היודעים פרק בשיר

מוה"ר **חנוך דוד שלום וויינגארטן** הי"ו, מוה"ר **אליעזר זוסיא סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **מרדכי ארגעל** הי"ו, מוה"ר **אלי' סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **יהוסף אלקנה סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **משה סג"ל קרויס** הי"ו, הילד **בנימין זאב פישער** נ"י

שהטיבו נגן בשיר ושבח לשם ולתהילה

וגם לרבות הבה"ח **דוד ברנש"ז הערשקאוויטש** נ"י
אשר עמד לנצח במלאכת ה'סאונד סיסטעם' ברוב כשרון

---

## ביהמ"ד הגדול - ועד האש"ל

עסקני ועד האש"ל שעסקו בכל מיני נפשם להצלחת האורחים, ובמיוחד האי איש האשכולות, עושה ומעשה למען הכלל והפרט

מוה"ר **שמואל צבי וויס** הי"ו

שמסר נפשו מנגד, ועשה לילות כימים, להכין חדרי השינה וכל המסתעף וכדו', לטובת ולהנאת מאות האורחים, וגם לרבות אשר עמד בראש הנהגת בית מדרש הגדול, וסידר הכל עצהיו"ט באופן נפלא ביותר

---

## סעדני ואושעה

אין די מילים להוציא שבח ופאר לידידינו המוכשר, עומד על משמרת הקודש, שר הטבחים בבית המלך

הרה"ח ר' **אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס** הי"ו

ואתו עמו בנו היקר והחשוב

מו"ה **משה יודא סג"ל קרויס** הי"ו

שבישלו את הסעודות ומילי דאכילה במשך ימי ההילולא לאלפי האור-חים, ביד רחבה להחיות בהם נפש כל חי, וגם לרבות

מו"ה **דוד דייטש** הי"ו, הבה"ח **צבי שמעון יאקאבאוויטש** נ"י, הבה"ח **יעקב יוסף שווארץ** נ"י, הבה"ח **אברהם בראדי** נ"י, הבה"ח **אברהם דוד אסטרייכער** נ"י, הבה"ח **יואל בינער** נ"י

שעזרו בכל נימי נפשם למען הכלל והפרט

---

## עוסקים בצרכי ציבור באמונה

יעלה ויבוא כל הברכות קדם ידידינו החשובים איש איש כפי מהללו, שעזרו למען הצלחת היום כאו"א כפי יכלתו

הרב **יוסף מאיר הערשקאוויטש** הי"ו, מוה"ר **יוסף צבי קליין** הי"ו, מוה"ר **ישעי' אשר זעליג ראטענבערג** הי"ו, מו"ה **משולם פייש ליבערמאן** הי"ו, מוה"ר **יואל כהנא** הי"ו, מוה"ר **זיידא ישראל יצחק מאירוביץ** הי"ו, מו"ה **שלום בלום** הי"ו, מו"ה **אשר ענזיל סג"ל קרויס** הי"ו, מוה"ר **מרדכי הערשקאוויטש** הי"ו, מוה"ר **יצחק שמואל שווארץ** הי"ו, מוה"ר **יוסף דוד סג"ל קרויס** הי"ו, מו"ה **צבי פרידמאן** הי"ו, מו"ה **יעקב נחמי' קרויס** הי"ו, מו"ה **יצחק אייזיק כ"ץ** הי"ו, מו"ה **בנימין גוטמאן** הי"ו, מו"ה **שלמה דייטש** הי"ו, מו"ה **דוב בער קליין** הי"ו, מו"ה **אברהם פריעדמאן** הי"ו, הבה"ח **אשר זעליג לאנדאוי** נ"י, הבה"ח **טובי' שווארץ** נ"י, הבה"ח **אלעזר ארי' יונגרייז** נ"י, הבה"ח **דוד לאנדאוי** נ"י, הבה"ח **יהוסף סג"ל ראטמאן** נ"י, הבה"ח **בנימין זאב זוסמאן** נ"י

---

## איחוד תלמידי וחסידי טאהש
## ומערכת באור החיים

מו"ה **ישראל סג"ל קרויס** הי"ו
מו"ה **משולם זושא זילבער** הי"ו
מו"ה **אהרן אשר יעקב הערשקאוויטש** הי"ו

ובמיוחד מו"ה

**אשר אנשיל בערגער** הי"ו

שעומדים כל השנה על המשמר במסירות יתירה ונאמנה בכל פעולות הטובות והברוכות של ה'איחוד', ובמיוחד פעולותם הרבות בעבור הטעלפאון ליין 'קול איחוד טאהש' להנאת אלפי אנ"ש

---

## אחרון אחרון חביב

ראש העסקנים בחצרות קדשינו, העסקן הדגול במסירות רבה ונאמנה זה רבות בשנים, ועכשיו הגדיל לעשות עמנו ועמד בראש לסדר הכל עצהיו"ט

מוה"ר **אהרן שווארטץ** הי"ו

אשר נשא בעול מהחל ועד הנה, ותלי"ת שהצליח ד' דרכו לקדש ש"ש באופן מאוד נעלה

שטערן די גרודער וואס זיי מאכן, און אזוי ווייטער וועט ער פרובירן צו טוישן די מציאות ארום אים... דאס וועט אבער נישט ארבעטן בשום אופן, ווייל א מענטש מוז סייווי דורך גיין שוועריקייטן, נאכדערצו אין די יונגע יארן, ווי די חובת הלבבות ברענגט אז דאס בויעט די מענטש.

ס'וואלט געווען א שיינע און געוואלדיגע זאך טאמער מ'קען דרוקן די דרשה אינעם גליון, איך האב געזעהן אז די דרשה איז געווארן ריקארדירט.

מתלמידי ישיבתינו הק' תפארת משולם פייש ק"

**הערת המערכת: מ'קען איבערהערן די גאנצע דרשה אויף קול איחוד נומ. 463236 פון די מעין מעניו.**

## זיך צורייסן פאר יענעם אפי' ווען מ'כאפט שטיינער...

צום ערשט וויל איך – ווי אנדערע טוען – אויסלויבן די גליון, און דירעקט די אפטיילונג פון מאנ"ש לאנ"ש, וואס ווי מ'זעהט ארום און ארום איז דאס די ערשטע ארטיקל וואס אנ"ש ליינען, צו זעהן וואס אנ"ש לאזן זיך הערן בענינים העומדים על הפרק און נאך שיינע ענינים און סיפורים.

אין איין בריוו אין די לעצטערע וואכן האט אויסגעקוקט צווישן די ווערטער, ווי ס'ליגט א שטיקל ווייטאג אויף די וואס שיקן אוועק לערנען אין די פרעמד, ווי כאילו מ'טוט אים פרעזענליך וויי דערמיט..

אלס א טאטע וואס האט בהכרח געמוזט אוועקשיקן עטליכע ישיבה גדולה בחורים אין אנדערע ישיבות, אין די צייט וואס די ישיבה גדולה אין שטעטל איז נישט געווען געהעריג אפן, – און שפעטער ב"ה אויך געהאט די זכיה ווייטער צו מגדל זיין די בחורים בתוככי ישיבתינו הק' בצילא דמהימנותא, ווי מ'זעהט טאקע בליעה"ר די חילוק הימל און ערד ווי אנדערע האבן שוין ערוועגט, – וויל איך קאמענטירן פאר יענעם אין איין ווארט בקיצור נמרץ: די וואס שיקן אוועק זייערע בחורים טוען קיינעם לכאו' נישט אפ אויסער זיך אליינס... ממילא איז זיך א שאד צו עסן דאס געזונט, ווען יענער האט דאס שוין ליידער אליינס געדארפט טוהן...

דערנאך איז וויכטיג ארויסצוברענגען, אז הגם עס פלעגט גיין בנפשו פארן הייליגן רבי'ן זי"ע אז זיינע תלמידים וחסידים זאלן שיקן די בחורים דא לערנען, האט ער נישט קיינמאל געהאט קיין שווער הארץ אויף די וואס האבן נישט געהאט קיין שכל... און די זעלבע זאך זעהט מען אויך ביי יבלחט"א בנו חביבו דער רבי זאל זיין געזונט, אז הגם דער רבי וויל דאס זייער שטארק אז מ'זאל דייקא דא לערנען אין טאהש, סיי ער רעדט צו די בחורים דערוועגן, און סיי בעט ער דאס אפט פון די עלטערן, אבער איינער וואס טוט נישט אזוי טראגט ער בכלל נישט קיין שוועך הארץ אויף יענעם, דאס גאנצע זאך איז דאך נאר פארן הייליגן טאטנ'ס כבוד און פאר די טובה און די תכלית פון די בחורים און די עלטערן.

איך וויל זיך באציען צו נאך איין חלק וואס איז געשטאנען אין די בריוו, איבער די געלט וואס קאסט ווען מ'פארט אוועק, צו ווען מ'לערנט אין טאהש. איך וויל טאקע ארויסברענגען מיין וואונדער אויף דעם, ווייל ס'איז באקאנט וויפיל ס'קאסט געווענליך אפ א בחור חודשליך אין א ישיבה, און ווי יעדער איינער ווייסט צאלט א טאטע דא אין טאהש בלויז האלב פון די אמת'ע קאסט-פרייז פאר זיין בחור. און ווער צאלט די אנדערע? די הנהלת הקהילה און די להתקשר קאסע וואס אידן צורייסן זיך פאר דעם בלב ובנפש צו שאפן און דעקן דעם בודזשעט.

איך גלייב נישט אז מ'טוט דאס פאר עני פארדינסט דערפון אויסער לעשות נייחא לנשמתא פון הייליגן רבי'ן אויפצוהאלטן זיין הייליגע ירושה די מוסדות הקדושים, אבער לדעתי וואלט כאטש געווען נישט מער ווי גערעכט אז עס זאל מער פארדינען דערפון איינער וואס וועט דא שטייגן ווייטער אין ישיבה גדולה און צוגעבן צו דעם מקום אויף ווייטער, און פאר אים איז שכל'דיג און איך פארשטיי פארוואס מען איז זיך מטריח צו דעקן זיינע קאסטן פון ערגעץ אנדערש. אבער פאר איינער וואס ער לערנט דא אין ישיב"ק בלויז ווייל ער האט נישט קיין ברירה און ער האט אין פלאן בעצם אוועקצופארן לערנען שפעטער, וואלט געווען נישט מער ווי יושר אז ער זאל יא ארייננצאלן די פולע קאסטן, און אויב מ'פלאנט ווייטער צו שאפן די געלט צו די דעקן די איבריגע חלק וואס די שכר לימוד דעקט נישט, איז פאסיג אז די וואס בלייבן דא לערנען ווייטער אין ישיבה גדולה זאלן האבן א גרעסערע טובת הנאה דערפון, און זייער שכר לימוד זאל קענען זיין נאך ביליגער.

איך ווייס אז אנדערע פלעגער טוט מען אפיציעל אזוי, דורך פארשידענע אופנים ארבעט מען צו לייגן דרוק אויף עלטערן נישט אוועקצושיקן די ישיבה גדולה בחורים אין פרעמדע ישיבות, און אפי' אויף אזוי ווייט ווי נישט אננעמען די אנדערע געשוויסטער אין די מוסדות. איך גלייב נישט אז אין טאהש וועט דאס די הנהלת הישיבה בכלל נעמען אין באטראכט, מיר זענען דאך פארט תלמידים וחסידים פון הייליגן רבי'ן, און ווי יעדער ווייסט האט דער רבי זיך צופליקט פאר א צווייטן אפי' יענער האט געווארפן שטיינער, און ווי באקאנט די מעשה פון די מקוה וכו',

עס וואלט אבער כאטש געווען א שיינע זאך, אז די עלטערן זאלן דאס אליינס פארשטיין, און אז איינער באשליסט אז אין זיין מצב מוז ער יא אוועקשיקן, האט ער דאך געגומען אין חשבון די גרעסערע הוצאות וואס איז פארבינדן דערמיט, און די הויעכע שכר לימוד קאסטן פון ערגעץ אנדערש, זאל ער אויך נעמען אין באטראכט ארייננצולייגן אין זיין בודזשעט אויסצוצאלן די פולע קאסטן פון זיין בחור אין ישיבה קטנה, ווייל מ'זעהט דאך אז בעצם קען ער זיך יא ערלויבן צו צאלן מער ווי ס'קאסט ערגעץ אנדערש... און אפי' אויב עכט קען ער זיך דאס נישט ערלויבן, נאר ער טוט דאס ווייל ער פילט אז ער האט ממש נישט קיין ברירה, זאל ער פארשטיין אז נישט צאלן די פולע שכר לימוד קאסטן די ערשטע ישיבה יארן האט ער אויך נישט קיין ברירה.

איך וויל ענדיגן, אז אפי' עס וואלט ווען געווען פארקערט, אז אין טאהש בעט מען אסאך מער שכר לימוד (ווי ס'איז בעצם באמת ווערד אסאך מער), וואלט זיך אלעס געלוינט ביים זעהן די נחת דקדושה, ווי איך האב מיך איבערצייגט ביי מיינע אייגענע קינדער די עקספיריענס.

י.א.פ

# כ"ק רביה"ק זי"ע פאר בנו יבלחט"א רבינו שליט"א: אין אונזער ישיבה לערנט מען תורת הנגלה והנסתר

*צוליב די פלייץ פון ברויון איבער די נושא פון דעת רביה"ק איבער ישיבתינו הק', א ענין וואס איז שוין ארומגענומען געווארן פון אלע זייטן, ווילן מיר זיך אנטשולדיגן אז מיר וועלן נישט קענען ארייינלייגן יעדע איינציגסטע ברויו דערוועגן, מיר וועלן ווייטער בלויז ארייינלייגן אזעלכע ברויון איבער דעם נושא וואס ברענגט צו עפעס א חידוש וואס איז נאכנישט געווארן אויסגעשמועסט, אדער א מעשה אין דעם ענין וואס איז נאכנישט געווען געדרוקט, וכדומה.*

*לחיבת הקודש וועלן מיר דא פאלגנד דרוקן א ציטאט פון די דברות קודש פון רבינו שליט"א איבער די מעלת ישיבתינו הק', און איבער די קדושת קריתינו הק', געזאגט ביים לחיים לאחר אמירת יום כיפור קטן ותפילת מנחה ביומא דהילולא קדישא ז"ך מנחם אב העעל"ט.*

*המערכת*

"...קשה עלי פרידתכם, די נשמה פון רבינו הקדוש זי"ע גייט שוין צוריק ארויף... בעטן מיר דעם הייליגן צדיק רבינו הק', אונזער טאטע, ווי שוין געזאגט 'כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו': בעטן מיר, פארגעס נישט פון אונז, זיי משפיע פאר אונז אלעס גוטס, אונז וועלן טוהן און אתערותא דלתתא, **אונז וועלן זיך האלטן ערליך, אונז וועלן דאווענען ערליך מיט מנין, אונז וועלן מכבד זיין איינער דעם אנדערן, אונז וועלן האבן די תפילין וואס דער אייבערשטער האט אן, ווי עס שטייט דארט 'מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ' מען האלט זיך אזוי באחדות, אונז וועלן זעהן צו גיין בצניעות און זיך אויפפירן הייליג און ערליך, ווי דיין רצון איז געווען, וויאזוי עס שטייט געשריבן אין דיינע ספרים, אויף דעם האסטו דאך אויפגעשטעלט דעם שטעטל.**

איבערהויפט די ישיבה וואס דאס איז געווען די ערשטע זאך וואס דו האסט געוואלט אויפשטעלן, דו האסט געזאגט איבער אונזער ישיבה - איך האב עס געזאגט פאר די בחורים און איך זאג עס יעצט נאכאמאל דא - דו האסט געזאגט **"ס'איז דא אסאך ישיבות אויף דער וועלט, אבער אונזער ישיבה איז פון די בעסטע ישיבות"**, האב איך דיר איינמאל געפרעגט: טאטי, וואס מיינסטו אז אונזער ישיבה איז בעסער פון די גאנצע וועלט, ס'איז דאך דא ישיבות איבעראל, האסטו געזאגט **"איך האב געגעבן די נאמען נאכן הייליגן אור החיים הקדוש, דער אוהחה"ק האט געהאט צוויי ישיבות, ער האט געהאט א ישיבה אין ארץ ישראל און ירושלים עיה"ק פאר נסתר און א ישיבה פאר נגלה, אונזער ישיבה איז די בעסטע ישיבה, ווייל אונזער ישיבה איז אויך** א ישיבה וואס איז סיי אויף נגלה און סיי אויף נסתר, נגלה איז מען לערנט גמרא רש"י תוס', מען לערנט ראשונים און אחרונים, מען לערנט שולחן ערוך, מען לערנט מוסר ספרים, נסתר איז אז אין די תלמידים זענען באהאלטן מידות טובות, זיי זענען יראים ושלמים אויך בסתר, דאס איז נסתר, דאס קען מען זעהן נאר אביסל אינדרויסן אז מ'איז אן איידעלע בחור, אבער אינעווייניג איז דער בחור זיך מסגף פארן אייבערשטן, דאס קען מען נישט זעהן אינדרויסן...."

# השם גבולך שלום - נישט באצאלט פאר די נישט גענוצטע טיקעטס...

לכבוד די חשובע מערכת, עס איז מיר לעצטנס אפיר געקומען א גליון וואס איך האב געזעהן א גאר אינטערעסאנטע מעשה, וואס א איד הרה"ח ר' ישראל משה ברוינשטיין הי"ו האט געהאט מיטן הייליגן רבי'ן, וואס עס האט דערציילט זיין זוהן ר' שמעון ברוינשטיין, און איך טראכט אז ס'וואלט געווען אינטערעסאנט עס אויך צו ברענגען אינעם גליון:

מיין טאטע האט געוואלט טוהן עפעס א געוויסע מסחר, האט ער אנגעפרעגט ביים טאהש'ער רבי'ן זצוק"ל צו ער זאל זיך ארייינלייגן אין דעם אדער נישט, האט דער רבי געזאגט ער זאל אריבערקומען קיין טאהש (קאנאדע) דאס איבערשמועסן, און ווען ער קומט זאל ער קומען צוזאמען מיט א איד ר' ז. ג. וואס ער טוט שוין די מסחר און ער ליגט דערין. אז דער רבי הייסט פאלגט מען האט מען אנגערופן א טרעוול אגענט און מ'האט געקויפט טיקעטס צו פליען קיין קאנאדע, אין די באשטימטע טאג לאזט זיך מיין טאטע ארויס צום לופטפעלד צוזאמען מיט דעם איד, מ'שטעלט זיך אין די שורה ארויפצוגיין אויפן פליגער.

ווען ס'איז אנגעקומען מיין טאטנ'ס רייע רופן זיך אן די באאמטע און זאגן פאר מיין טאטע אז מ'זעהט זיי נישט אין די סיסטעם זיי האבן נישט קיין טיקעטס צו פליען מיט אט דעם פליגער, נאכן זיך טענה'ן מיט זיי א לענגערע צייט רופן זיי זיך אן אז פונקט אויף דעם פליגער אויף וואס זיי ווילן ארויפגיין האט נאך צוויי ליידיגע זיצן ממילא קענען זיי זיך מיטכאפן אבער קיין וועג צוריק קיין ניו יארק איז נישטא.

מיין טאטע האט זייער שטארק געוואלט אנקומען האט ער מסכים געווען נישט וואוסענדיג וואס וועט זיין מיטן וועג אהיים. דער ר' ז. ג. איז געווען זייער אנגעצויגן א גאנצע וועג "וואס וועט זיין מיט א וועג צוריק"? האט ער געפרעגט די גאנצע צייט, אבער מיין טאטע האט איהם בארואיגט "מיר פארן צום רבי'ן ער וועט עס שוין מסדר זיין".

מ'איז אנגעקומען בשעה טובה און מ'איז אריין צום רבי'ן און מ'האט נהנה געווען עצה ותושי' ביים געזעגענען האט מיין טאטע געפרעגט "וואס וועט זיין מיט א וועג אהיים?" האט די רבי געגומען זיין האנטוך און אפגעווישט מיין טאטנ'ס שטערן און געזאגט די פסוק "השם גבולך שלום", האט זיך ר' ז. ג. אנגערופן "און וואס וועט זיין מיט מיר"? האט די רבי געזאגט "אזוויי ער איז געווען די שליח דיר צו ברענגען וועט ער אויך זיין די שליח דיר אהיימצוטראגן".

מ'קומט אן אין לופטפעלד מ'שטעלט זיך אין די שורה ארויפצוגיין אויפן פליגער ס'קומט אן מיין טאטנ'ס רייע און דער באאמטער רופט זיך אן "ווער איז יאר באורדינג פעסס"? זאגט איהם מיין טאטע "איי פיקט איט אפ ביי די ראביי"? דער גוי קוקט אויף מיין טאטע ער קוקט צוריק אריין אינעם פאספארט ער קוקט צוריק אויף מיין טאטע און ער רופט זיך אן "גאו" און דערנאך ווייזט דער גוי אויף ר' ז. ג. ער זאל אויך ארויפגיין...

אפאר טעג שפעטער רופט אן דער טרעוול אגענט און ער זאגט פאר מיין טאטע אז ער זעהט אז צום סוף איז ער נישט געפלויגן קיין קאנאדע ממילא גיבט ער איהם צוריק די גאנצע געלט...

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

ארײנצולייגן אייער הזמנה ביטע רופט אריין צום מערכת
718.451.8674
עקסטענטשן 840

ב

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון ◆ וקול שמחה ◆ קול חתן ◆ וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשם יתברך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה

מתכבדים אנו בזה להזמין את מעלת כבוד קרובינו וידידינו שיחיו

לבוא ולהשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו ה״ה

הבחור החתן המופלג בתוי״ש

כמר **שמעון ישראל** ני״ו

עב״ג הכלה הבתולה המהוללה

מרת **בילא קריינדל** תחי׳

שתתקיים אי״ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ב׳ לס׳ ״למען ייטב לך והארכת ימים״ (כי תצא)

ח׳ אלול שנת תשפ״ה לפ״ק הבעל״ט

קבלת פנים בשעה 6:15 והחופה בשעה 7:15

באולם עטרת חי׳ שרה

106 S. Madison Ave. Spring Valley, NY 10977

והשם הטוב ישיב לכם כגמולכם הטוב

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
ברוך מאיר בראדער וב״ב
בן הרה״ח ר׳ חיים יעקב ז״ל
קרית יואל יצ״ו

הורי הכלה
יחזקאל איסר בערגער וב״ב
מאנסי יצ״ו

ה

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי״ת ובלב מלא שמחה
מתכבדים אנו להזמין את כבוד קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים

הבחור החתן המופלג בתוי״ש

**מרדכי יהודה** נ״י

עב״ג

הכלה הבתולה המהוללה

**טויבא** תחי׳

שתתקיים אי״ה למז״ט ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב׳ פרשת כי תצא לסדר ״כי תבנה בית חדש״
ח׳ אלול שנת תשפ״ה לפ״ק הבעל״ט
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם קאנטינענטאל
ברוקלין, ניו יארק

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
חיים יושע הכהן הערמאן וב״ב
קרית יואל יצ״ו

הורי הכלה
צבי מרדכי ארגעל וב״ב
ברוקלין יצ״ו

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי״ת הננו מתכבדים להזמין

את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף בשמחת

כלולת בנינו היקרים שיחיו

*הבחור החתן המופלג בתוי״ש*
**צבי פינחס** נ״י
בן האה״ח קריינדל ע״ה

*עב״ג*

*הכלה הבתולה המהוללה*
**חנה גיטל** תחי׳

שתתקיים בעזהשי״ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ה׳ ״לסדר כי תבנה בית חדש״ (כי תצא) י״א לחודש אלול

שנת תשפ״ה לפ״ק הבעל״ט ולמספרם September 4

קבלת פנים בשעה 6:00 • והחופה בשעה 7:00

באולם פרדס צבי

Keap St, Brooklyn, NY 241

ואי״ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו המחכים לקבל

פניכם בשמחה

הורי החתן
יואל כהן
קרית יואל יצ״ו

הורי הכלה
יואל מייזליש וב״ב
ברוקלין יצ״ו

ל

בעזהשי״ת

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי״ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי״ש

**ישראל מנשה הכהן** ני״ו

עב״ג

הכלה הבתולה המהוללה

**פערל טאבא** תחי׳

שתתקיים אי״ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד׳ כי תצא - לס׳ כי תבנה בית חדש
י׳ אלול תשפ״ה הבעל״ט - ולמספרם Sep. 3 '25

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

באולם בית צירל
251 Beth Halevy Boisbriand Quebec J7E 4H4

ואי״ה ביום שמחתכם נשוב לכם כגמולכם הטוב בל״נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

הורי החתן
נפתלי צבי חיים הכהן לאנדאוי וב״ב
קרית טאהש יצ״ו

הורי הכלה
יצחק אהרן ברייער וב״ב
קרית טאהש יצ״ו

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ״ק מרן רבינו הקדוש זי״ע, ויבלחט״א כ״ק מרן רבינו שליט״א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ״ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

קהל אור החיים:

## א פלאטע פון מאובעל'ס ווערן אצינד באשטעלט פאר שמחת תורה תשפ"ו

אין די יעצטיגע טעג איז פארעפנטליך געווארן די פרייליכע בשורה פאר אנשי שלומינו, איבער א פרישע סערוויס פאר די חשוב'ע געסט וועלכע לעכצן מיטצוהאלטן די ימים הנעלים והנשגבים די צוויטע טעג יו"ט סוכות בצל הקודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, מיט'ן צושטעלן צענדליגער מאובילס, און אזוי ארום עטוואס לינדערן די שווערע דירות-פארדינגען-קריזיס וועלכע הערשט אין די דערהויבענע טעג מיט א פלייץ פון הונדערטער געסט בליעה"ר.

אין די לעצטערע חדשים האבן די געטרייע עסקני הקהלה ארייגעלייגט איבערמידליכע כוחות אויפצוקומען מיט די בעסטע אפציעס פון קענען צושטעלן צוגענגליכע מאובילס פאר יו"ט, און אין די לעצטערע וואכן האט מען בעז"ה געשריבן קאנטראקט אויף צענדליגע מאובילס וועלכע זענען געווארן רעזערווירט ספעציעל אז אנשי שלומינו זאלן דאס קענען ארויסדינגען.

לויט די פלענער וועלן די מאובילס היי-יאר ווערן ארויסגעגעבן בעיקר פאר די חשוב'ע געסט וועלכע האבן נאנטע קרובים אדער גוטע פריינט ביי וועלכע זיי קענען עסן די סעודות יו"ט מיט א ברייטקייט, נאר די פראבלעם קומט צום אויבערפלאך ווען די געסט האבן נישט ווי צו שלאפן, און האבענדיג א מאוביל גלייך נעבן די אכסניא ווי מען עסט, וועט די מאוביל קענען דינען אלס די פאסיגע אכסניא צו שלאפן.

די מאובילס וועלן בעז"ה זיין איינגערישט מיט אלע איינריכטונגען צו שלאפן, ווי לינען, נעגל וואסער, ביה"כ, עיר-קאנדישאן/הייצונג, א.א.וו., און וועט ווערן ארויסגעגעבן פון זונטאג חוה"מ ערב הושע"ר ביז דאנערשטאג אסרו חג פארמיטאג, בלויז פאר איינגעשריבענע פון פאראויס.

צוליב דעם וואס אין די גוי'שע לוח למספרם קומט אויס א פארנומענע וואך מיט געוויסע חאגע'ס, זענען די צאל מאובילס באגרעניצט, און איז נישט שייך צוווארטן צו דינגען אויף די לעצטע מינוט, דעריבער איז ראטזאם צו מאכן די פלענער ווי פריער, און דערמיט פארשפארן עגמת נפש פאר זיך און פאר די געטרייע עסקנים.

צו רעזערווירן א מאוביל קען מען זיך פארבינדן דורך 'קול איחוד טאהש' עקס. 19 פון די מעין מעניו.

אין די זעלבע צייט איז פאסיג צו דערמאנען תושבי קריתינו הק' וועלכע האבן שוין לאנגע יארן די גרויסע זכי' צו זיין די מכניסי אורחים פון די הונדערטער געסט וועלכע קומען כסדר ווילן בצל הקודש, פתחו פתח ביתכם אריינצונעמען געסט, עפענט אויף די טיר פון אייער שטוב כמדתו של אברהם אבינו עליו השלום, און גלייכצייטיג זייט מקיים די גרויסע מצות הכנסת אורחים און חסד וכדו' מיט א שלימות, און נישט פארלאנגען קיין הויעכע פרייזן וועלכע פאלט גאר שווער פאר די חשוב'ע געסט.

ותאסוף גליותינו לחצרות קדשיך!

להתאחד בחורי אנ"ש:

## גרויסארטיגע סעודת הילולא קדישא ומעמד חלוקת פרסים פאר כלל בחורי אנ"ש

פארגאנגענעם מיטוואך ראה פארנאכטס ליל ההילולא קדישא איז פארגעקומען א גאר רייכע פראגראם און סעודת הילולא קדישא פאר כלל תלמידי ישיבותינו הקדושות וחברי חבורת עבו"ע די בכל אתר ואתר בהיכל השלחנות בבנין ישיבה קטנה, ווי די חשוב'ע בחורי חמד האבן זיך געוואשן צו א רייכע סעודה.

עס האט אויפגעטרעטן מיט שטארקע דברי חיזוק במשנתו פונעם בעל ההילולא האי פה מפיק מרגליות הרה"ג רבי אלימלך סג"ל לאווען שליט"א, ר"מ ומשפיע בישיבה גדולה אור החיים, וועלכע האט גאר שיין ארויסגעברענגט די געוואלדיגע עת רצון ומסוגל, פון די גרויסע טאג אין וואס מען טרעט יעצט אריין, וואס מען קען זיך אלץ אויסבעטן אין די טאג, און וויאזוי מיר קענען אנהאלטן די קשר מיטן צדיק, דורכ'ן

גיין אין די וועגן וואס ער האט אונז אויסגעלערנט, בתורה ועבודה ויראת שמים, און דורכ'ן לערנען זיינע הייליגע ספרים.

דערנאך האט אויפגעטרעטן מיט רייכע סיפורים הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש שליט"א משב"ק, וועלכע האט אויפגעוויקלט שיינע זכרונות ועובדות פון די לעכטיגע זמנים בהלו נרו על ראשינו.

ארום 8:10 איז דער רבי אנגעקומען צום מעמד, ווי דער רבי האט באשיינט די אויבן-אן, און משמיע געווען דברות קודש מיט גרויס התרגשות, ארויסהויבנדיג די עבודת הכנה וואס די בחורים האבן געמאכט צו די הייליגע טאג, און ס'איז זיכער אז רבינו הקדוש זי"ע וועט אראפגיסן פאר זיי אלעס גוטס אין די גרויסע זכות.

דערנאך זענען די בחורים אריבער ביים רבי'ן, און דער רבי האט פארטיילט די נייע ספר עבודת משולם פייש לשבת קודש, אלץ מתן שכרן בצדן פאר אלע בחורים וועלכע האבן זיך ריכטיג צוגעגרייט מיט די אלע 4 עבודות.

**ישיבה קטנה תפארת משולם פייש ד'טאהש - ניו יארק**

# 'קושיית השבוע' ברענגט אריין א ריתחא דאורייתא אין די חשובע בחורים

אין א פרישע שריט אויסצושארפן די חשוב'ע בחורים בידיעת ובעמקות התורה איז די לעצטערע וואכן איינגעפירט געווארן דורכן חשובן ר"מ הרב הגאון רבי חיים הערש מייזעלס שליט"א, אז ער שטעלט ארויס פאר די בחורים יעדע וואך א 'קושיית השבוע', אין די סוגיא פון שולחן ערוך הלכות שבת סימן ש"ח וואס מ'לערנט אין ישיבה, און די בחורים שרייבן אראפ תירוצים אויף די קשיא.

ס'איז וואונדערליך צו זעהן וואו די חשובע בחורים זענען זיך מייגע מיט א ריתחא דאורייתא אויף די שווערע קשיא, און זענען זיך מפלפל בעומקה של הלכה בדיבוק חברים, און שרייבן אליין אראפ די תירוצים בציצים ופרחים, און ס'איז צום באוואונדערן די בקיאות און גאר שיינע חידושים אין די סוגיא, כל אחד כפי בחינתו.

דערנאך זאמעלט מען אלע תירוצים און מ'דרוקט דאס אפ פאר די בחורים, זיי זאלן אליין הנאה האבען פון זייער יגיעה, און גלייכצייטיג זעהן די געוואלדיגע ברייטקייט פון די ידיעת התורה, וואו יעדער ענטפערט עפעס אנדערש אויף די זעלבע קשיא, און דאס אליין געבט אריין א מתיקות התורה.

אשרי חלקם כי חלק ה' עמו.

*

# סוקסעספולע בחינה פארגעקומען אויף 3 פרקים שיעור פשוט פון זמן החורף העעל"ט

די וואך איז פארגעקומען א סוקסעספולע פארהער דורך הרה"צ אב"ד שער התפלה שליט"א, וואו די חשובע בחורים האבן זיך געשטעלט צום פארהער אויף די דריי פרקים המוציא יין, אמר רבי עקיבא און המצניע ממס' שבת.

עס האט זיך דערקענט די שטארקע עמל ויגיעה וואס די בחורים האבען אריינגעלייגט ביים איבער'חזר'ן די לימודי שיעור פשוט פונעם פארלאפענעם זמן החורף העעל"ט, ס'זאל בלייבן כמונח בקופסא.

די תלמידי הישיבה חזר'ן ווייטער איבער די פרקים פון מסכת שבת וואס איז פארבליבן, ביז סוף זמן ווען מ'וועט זיך שטעלן אי"ה צום פארהער אויף גאנץ מסכת שבת.

אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו.

**תלמוד תורה עטרת משולם פייש - מאנסי:**

# הערליכע מסיבת לחיים פארגעקומען לרגל יומדהל"ק

פארגאנגענעם דאנערשטאג ראה ז"ך אב ביומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע, איז פארגעקומען א הערליכע מסיבות לחיים בין ילדי ת"ת עבודת משולם פייש אין שטאט מאנסי, ווי די גאנצע ת"ת איז זיך צוזאמגעקומען אין אינאיינעם פארברענגט בשבת אחים גם יחד לע"נ די הייליגע רבי זיעועכי"א.

די לחיים איז נתנדב געווארן דורך אפאר חשוב'ע נדבנים לע"נ רביה"ק זי"ע, די קינדער האבן געמאכט הויעך און צוזאמען ברכות לע"נ, און אזוי אויך האט מען געזאגט צוזאמען אפאר קאפיטלעך תהלים כמנהג רביה"ק וואס דאס איז אייביג געווען זיין שטרעבן, און אזוי אויך האט מען געזינגען אפאר ניגונים צוזאמען, אנגעפירט דורך די געטרייע און איבערגעגעבענע מלמד הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א.

אזוי אויך האט ער פארציילט אפאר מעשיות פון רביה"ק זי"ע, און עס האט אויך אויפגעטרעטן העסקן האברך החשוב מו"ה אליעזר קרויס הי"ו וואס געבט זיך אוועק בלב ונפש פאר די ת"ת.

זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

טוללי אברכים עטרת תפארת מרדכי ד'טאהש:

# מהנעשה והנשמע בין כותלי הכולל

אין די יעצטיגע וואכן שטייענדיג סוף זמן הקיץ, טוט זיך א געוואלדיגע ריתחא דאוריתא בין כותלי הכולל, ווען אלע חבורות גייען פאראויס מיט א שטארקייט צו ענדיגן און זיך שטעלן צום פארהער אויף די לימודים וואס מ'האט געלערנט משך די גאנצע זמן.

*

מער אין א ברייטערע בליק איז אין די לעצטערע וואכן נתרומם געווארן די קרן התורה אין היכל הכולל אויף פיל א העכערע ניווא און שטייגער ווי ביז היינט, נאכדעם וואס די געטרייע ראשי החבורות שליט"א, מיט די הילף פון די געטרייע חברי ההנהלה טוען ארייננליגן גרויסע כוחות מיט עטליכע פעולות למיניהם, און דערמיט שטיצן און אנערקענען דאס חשיבות פון די חשוב'ע חברי הכולל.

אין די טאג ארום חמשה עשר באב איז פארגעקומען א גרויסע מעמד בהיכל הכולל, ווי עס האט צום ערשט אויפגעטרעטן די ראש הכוללים כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, וועלכע האט מיט זיין באקאנטע לשון לימודים משמיע געווען שטארקע דברי חיזוק פאר די חשוב'ע אברכי הכולל מפי ספרים וסופרים, און אויסגעשמועסט וויכטיגע נקודות וועלכע קענען צוהעלפן פאר די חשובע לומדים צו שפירן דעם מתוקים מדבש ונופת צופים, און אזוי ארום האבן די ריכטיגע חשק צו פארבלייבן ביני עמודי דגירסא פאר נאך לאנגע יארן און קונה זיין פולע לימודים ומקצועות.

ווי אויך האט אויפגעטרעטן הגאון הגדול הדומ"ץ שליט"א, ראה"כ צעירים לפנצ"ה, וועלכע האט מיט זיינע רייכע פערל רייד ארומגערעדט איבער די ענין וועלכע עס ווערט געברענגט אין גמרא, אז 'מן חמשה עשר בשבט מאן דמוסיף בתורה יוסיף חיים', און דערמיט אריינגעבלאזט א פרישע גייסט און רוח התורה צווישן די חשוב'ע בני הכולל.

עקסטער האט אויך אויפגעטרעטן הרה"ג רבי יצחק יודא משה גוטמאן שליט"א, מו"ץ וראה"כ - וועלכע שטייט אין שפיץ פון די פולע רוחניות'דיגע אקטיוויטעטן בין כותלי הכולל, ווי ער האט פארגעשטעלט א נייע מסגרת מיט'ן נאמען 'כי הם חיינו' וועלכע איז ספעציעל אוועקגעשטעלט געווארן מיט'ן ציל צו מחזק זיין די ענין פון שמירת הזמנים און אויסנוצן די צייט מיט א שלימות כראוי וכיאות, און אזוי ארום הייבן די התמדת התורה אויף א העכערע שטאפל.

*

די מסגרת "כי הם חיינו" וועלכע די חשוב'ע ראש הכולל שליט"א האט מפרסם געווען ביי זיין דרשה, האט געוויס מיטגעברענגט א נייע מציאות בין כותלי הכולל, ווען ממש רובא דרובא חברי הכולל האבן זיך אנגעשלאסן אין די מסגרת, און אזוי ארום טוט מען אויסנוצן די סדרי הלימוד מיט די לימודי הכולל זעלבסט אן קיין שום אנדערע שטער, און מן המותר להאריך אז דאס טוט צופלייסן די לימודים, און מ'קומט אן פיל מער ווי ערוואַרטעט, און מען האט די געלעגנהייט צו אויסברייטערן די ידיעות אין די מקצוע מיט א געוואלדיגע בהירות און בקיאות.

אזוי אויך איז אין די טעג ארום די הילולא קדישא ז"ך אב העעל"ט פראקלימירט געווארן א ספעציעלע באנוס לכבוד ולעילו נשמתו הטהורה פון רבינו הקדוש זי"ע, און עס איז פארטיילט געווארן א ספעציעלע תמיכה פאר די חשוב'ע חברי הכולל וועלכע זענען א חלק אין די מסגרת.

אינערהאלב די חבורות הל' שבת, איז אין די יעצטיגע טעג אויפגענומען געווארן א פרישע גבאי, האברך החשוב, מאריות שבחבורה מוה"ר איתמר פעלבערבוים שליט"א, וועלכע וועט מיט פרישע כוחות שטיין על המשמר מסדר צו זיין די סדרי הלימודים וחזרות אינערהאלב די חבורה.

*

עקסטער גרייטן זיך פולע אברכי הכולל זיך צו שטעלן על כור המבחן אין די קומענדיגע וואכן אויף פולע מקצועות, צווישן אנדערע: חבורת או"ח ח"א וועלן זיך פארהערן גאנץ הל' ברכת המזון והל' זימון וועלכע איז געלערנט געווארן מיט גרויס התמדה אין די לעצטערע וואכן, חבורת יו"ד ח"ב וועלן זיך פארהערן גאנץ סימן ק"צ-הל' כתמים וועלכע איז געלערנט געווארן בעיון רב משך די גאנצע זמן, חבורת הל' שבת לפנצ"ה וועלן זיך פארהערן סימנים ש"כ- שכ"ה, און חבורות הל' שבת אחצ"ה וועלן זיך פארהערן סימנים ר"ס- רע"א.

*

פון די שטערקסטע פעולות חיזוק פאר די חשוב'ע חברי הכולל, איז געוויס די פרישע דערגרייכונג און מציאות, אז די תשלומי הכולל ווערן אויסגעטיילט פאר די אינגעלייט גאר צייטליך, וואס דאס טוט אריינבלאזן אין די לומדים א פרישע גייסט צו לערנען מיט א חיות און א ברען.

דא איז טאקע די פלאץ צו ארויסברענגען לשבח און מפרסם זיין ברבים די פעולות חובקות זרועות עולם פון די תרי צנתרא דדהבא, נגידים המפוארים מוה"ר ישראל צבי פרידמאן הי"ו, און מוה"ר אלעזר קליין הי"ו, וועלכע זענען אנטקעגן געקומען די געטרייע חברי הנהלה מיט פאנטאסטישע סכומים צו קענען אויפטון די פעולות נשגבים להרמת קרן התורה.

אין א עקסטערע באגריסענדע שריט האבן זיי אין די לעצטערע טעג אויך אונטער גענומען נאך א פרישע גאר קאסטבארע פראיעקט, נעמליך צו גענצליך איבערפרישן די ריזן אוצר הספרים מיט פרישע טויזנטער ספרי קודש, וועלכע א טייל פון די ספרים זענען שוין אין די טעג באשטעלט געווארן און וועט אין די נאנטע טעג באשיינען די ווענט פון די היכל הכולל.

עס בלייבט נאר אויסצופירן מיט א ברכת, אז כה יתן ה' וכה יוסיף צו מרבה זיין תורה וצדקה בקרב קהילותינו הק', און די זכות התורה און די זכות פון רבינו הק' זי"ע וועט אוודאי משפיע זיין פאר זיי כל משאלות לבבם לטובה עד עולם, אמן.

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

שופטים - תשפ"ה לפ"ק

## דינסטאג פר' ראה

נאכמיטאג איז דער רבי געווען באזוכן ביי הרה"ח הישיש ר' הערש לייב וויינבערגער שליט"א. דער רבי האט שואל געווען בשלומו און אנגעוואונטשן ברכת קדשו.

אויך האט דער רבי מנחם אבל געווען טעלעפאניש ביי כ"ק אדמו"ר מ'קרעטשניף רחובות שליט"א.

ביינאכט איז פארגעקומען די שמחת הוואכנאכט פון נכד רבינו שליט"א, בנו הנולד צו חדב"ן הגה"צ רבי יואל יחיאל קאהן שליט"א, בהיכל הטישן בביתו נאוה קודש.

דער רבי איז ערשינען בערך א האלבע שעה נאך מעריב, און זיך געוואשן צו די סעודה. במשכ'ן סעודה האט כ"ק אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים שליט"א פארציילט די מעשה המסוגל לוואכנאכט.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען דער אבי הבן הגה"צ רבי יואל יחיאל שליט"א, און דער עולם איז אריבער וואונטשן מזל טוב.

## מיטוואך פר' ראה

צופרי איז פארגעקומען די ברית מילה פון נכד רבינו שליט"א בהיכל ביהמ"ד אברכים, דער רבי איז מכובד געווארן מיט קוואטער, און מכבד געווען הגה"צ רבי יואל יחיאל שליט"א מיט סנדקאות.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודת הברית בהיכל הטישן, במשכ'ן סעודה האט הגה"צ רבי יואל יחיאל שליט"א אויפגעטרעטן מיט פאסיגע דיבורים. און דער רבי האט מכבד געווען הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א און הרה"ג ר' יששכר דוב מאירוביץ שליט"א צו זינגן א ניגון.

די מי שברך האט געמאכט מוה"ר יחיאל אלתר גוטמאן הי"ו משמש נאמן דבית מדרשינו מאנסי. יום ליבשה הרה"ח ר' משה מאירוביץ שליט"א.

מיט ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען דער מוהל הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א נכד רביה"ק זי"ע. מיט די הרחמן'ס זענען מכובד געווארן בני וחתני כ"ק מרן רבינו שליט"א.

◆

נאכמיטאג איז פארגעקומען ספעציעלע זמני כניסה פאר די אורחים החשובים, וואו רבינו שליט"א האט אויפגענומען קבלת לברך ולהתברך פון 5:15 ביז 8:05 בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## דאנערשטאג פר' ראה - ז"ך אב

טויזנטער אידן האבן זוכה געווען אויסצופועל'ן ישועות ורפואות וכל משאלות לבם לטובה, אינעם צענטן יומא דהילולא קדישא ז"ך מנחם אב, בזכותו הגדול פונעם הייליגן בעל ההילולא, אבינו רועינו רבינו הקדוש זי"ע, און מיט א באזונדערע התרוממות דקדושה איז געפראוועט געווארן די גרויסע טאג ביי אנשי שלומינו המקושרים לאילנא דחיי, בצילא דמהימנותא קדישא פון בנו ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש כ"ק מרן רבינו שליט"א, אין קרית מלך רב קריתינו הקדושה.

בימי הילולא קדישא האט קריתינו הקדושה געווירבלט מיט אומגעהויערע מאסן, פון טויזנטער אידן בליעה"ר, זקנים עם נערים, וועלכע האבן עולה רגל געווען און געקומען מרחוק ומקרוב לכבוד ז"ך אב אינעם הייליגן שטאט אשר שם חלקת מחוקק ספון, ווי מען האט פארגאסן נחלי דמעות לישועת הכלל והפרט, וכל משאלות לבבם לטובה בזכותו של אותו צדיק עמוד צלותהון דישראל.

פאלגענד איז א דעטאלירטע באריכט פון די יומא דהילולא קדישא.

מיטוואך פארנאכטס איז דער רבי ערשינען בהיכל השלחנות בבנין ישיבה קטנה, צו די סעודת הילולא קדישא ומעמד חלוקת פרסים פאר בחורי אנ"ש. (ליינט די פילע באריכט אין 'במקהלות')

דער רבי האט באשיינט די מעמד, און משמיע געווען דברות קודש, דערנאך זענען די בחורים אריבער ביים רבי'ן, און דער רבי האט פארטיילט די נייע הערליכע ספר 'עבודת משולם פייש לשבת קודש', אלץ מתן שכרן בצדן פאר אלע בחורים וועלכע האבן זיך ריכטיג צוגעגרייט צום יומא דהילולא קדישא.

◆

דערנאך איז דער רבי ערשינען בהיכל ביהמ"ד הגדול צו תפלת מנחה ומעריב. צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען מוה"ר בנימין הכהן פישער הי"ו.

נאך מנחה איז דער רבי צוגעטרעטן ברגש אש קודש צו תפלת מעריב ביומא דהילולא קדישא, דער רבי האט געצינדן די ליכט לע"נ, און צוגעגאנגען צום עמוד צו תפילת מעריב, די ביהמ"ד איז געווען אנגעפילט מיט א ריזן ציבור תושבי קריתינו הק',

און הונדערטער געסט וועלכע האבן זוכה געווען זיך צו געפינען אינעם הייליגן שטאט ביומא דהילולא קדישא.

תיכף נאך מעריב איז סערווירט געווארן א רייכע סעודת הילולא פארן גאנצן ציבור, ווי די היכל ביהמ"ד הגדול איז געווען צוגעגרייט מיט א מייסטערהאפטיגן אויסשטעל אריינעמענדיג אין זיך די ביהמ"ד מקצה אל קצה מיט די מאקסימאלסטע זיץ פלעצער, א ריזן 3 שטאק אויבן אן אויף דרום זייט, וואו עס האבן באשיינט כ"ק אדמו"ר מ'האדאס, כ"ק גאב"ד טאהש מאנסי, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא, כ"ק אדמו"ר מ'זידיטשוב חרדים, פולע גדולי רבני ודייני קהילתינו הק', וגדולי ורבני עיר מאנטריאל, בני וחתני רבינו שליט"א, ונכדי רביה"ק זי"ע.

ביים ערשיינען צום עריכת שלחן הטהור, האט דער רבי געצינדן לעכט און זיך געוואשן צום סעודה. און משך די סעודה האט די מקהלות המנגנים דחצרות קדשינו אנגעפירט מיט די ניגונים המקובל מבית מדרשו של רבי, ווי דער גאנצער עולם איז מיטגעשלעפט געווארן מיט א שטיק בענקשאפט און התעוררות ביים זינגען די הייליגע ווארימע ניגונים.

דער רבי האט געמאכט די סיום הש"ס וואס איז געלערנט געווארן דורך אנשי שלומינו לעילוי נשמתו פון רביה"ק זי"ע, און געזאגט קדיש. דערנאך טועם געווען פון די פיש און ארויפגעשיקט שיריים פארן גאנצן עולם, געטרינקן און געוואונטשן לחיים פארן גאנצן ציבור.

דער רבי האט אויפגעטרעטן מיט פלאם פייערדיגע דברות קודש דברי חיזוק והדרכה, ממשיך צו זיין די הייליגע וועגן, און דערציילט עובדות וסיפורים, אויספירענדיג מיט ווארימע ברכות לרוב.

דער רבי האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הנגיד החסיד ר' יוסף פנחס סטרולאוויטש שליט"א פון קרית יואל, שיר המעלות הב' יואל בינער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן בענטשן האט דער רבי געוואונטשן פארן ציבור גע'פועל'ט אלעס גוטס און זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.

❖

ארום 1:00 איז דער רבי אנגעקומען צום ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע. דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך משתטח געווען אויפן ציון הקדוש, און פארגאסן טייכן טרערן פועל'נדיג ישועות ורפואות פאר גאנץ כלל ישראל, דער רבי האט געזאגט מזמורי תהלים, און דערנאך געליינט קוויטלעך.

❖

דאנערשטאג אינדערפרי בעצם יומא דהילולא קדישא איז דער רבי ערשינען אין היכל ביהמ"ד הגדול בשעה 7:40 צו תפלת שחרית אינאיינעם מיט כל הקהל הקודש ותלמידי הישיבות, ווי דער רבי האט געצינדן ליכט און פארגעדאווענט פאר'ן עמוד תפילת שחרית מיט א מורא'דיגע התעוררות.

ביים לייענען האבן עולה געווען: כהן מו"ה יוסף גאלדמאן הי"ו בעל הברית, לוי רבינו שליט"א, שלישי מו"ה נפתלי עסטרייכער הי"ו בעל הברית, הגבה דער מוהל מוה"ר מאיר סג"ל קרויס הי"ו, גלילה דער זיידע הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות דער זיידע הרה"ח ר' ישראל הערש פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די ברית פון בן מו"ה נפתלי עסטרייכער הי"ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל משולם פייש.

דערנאך איז פארגעקומען די ברית פון בן מו"ה יוסף גאלדמאן הי"ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות וקריאת השם, ויקרא שמו בישראל משולם פייש.

דערנאך האט דער רבי געזאגט קדיש מיט א קול געשטיקט פון טרערן, און דערנאך געבענטשט די קינדער און אנגעוואונטשן די עלטער'ן און זיידע'ס ברכות לרוב.

❖

תיכף דערנאך איז דער רבי ארויס צום ציון הק' אין באגלייטונג פון א ריזן ציבור חסידים ואנשי מעשה, א חרדת קודש האט ארומגענומען דעם גאנצן ציבור ווען בעפאר אמירת תהלים האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש בקול בכי, ארויסברענגענדיג די געוואלדיגע דביקות און העכערע עבודה וואס דער בעל ההילולא האט געהאט מיטן תהלים'ל, און מעורר געווען אז דער צדיק זאל משפיע זיין כל טוב בזכות אמירת תהילים.

דאן האט זיך דער רבי אנגעליינט אויפן ציון הק' פאר עטליכע מינוטן, און דערנאך האט מען אין א התעוררות'דיגע שטימונג אנגעהויבן גאנץ ספר תהלים בהתעוררות רב ובקול חנוק פון דמעות, און די בכיות ביי אלע אנוועזנדע איז געווען עד לב השמים. עטליכע מאל משכ'ן תהלים זאגן האט דער רבי זיך אנגעליינט אויפן ציון הק' בבכיות נוראות, פועל'נדיג ישועות ורפואות למען הכלל והפרט, נאך יהי רצון און י"ג מדות של רחמים האט דער רבי געזאגט קדיש. און דערנאך געליינט קוויטלעך פונעם ציבור פאר אריבער א שעה צייט.

במשכ'ן גאנצע 24 שעה פונעם יומא דהילולא האט זיך נישט אפגעשטעלט דער ענדלאזער שטראם פון טויזנטער אידן וועלכע זענען געקומען מתפלל זיין אויפ'ן ציון הקדוש, קריתינו הק' איז געווען באלאגערט מיט טויזנטער אידן וואס האבן נישט אויפגעהערט צו שטראמען און מ'האט איינגעריסן אויף ישועתן של ישראל מיט אן התעוררות נפלא, זייענדיג נכון לבם בטוח בזכותו פונעם בעל הילולא, אז מ'האט גע'פועל'ט אלעס גוטס.

אזוי אויך איז במשכ'ן גאנצן מעת לעת געווען צוגעשטעלט ברייט צו עסן בהיכל הטישן נומער 9, פאר די טויזענטער אורחים, להחיות בהם נפש כל חי, לע"נ רביה"ק זי"ע.

❖

כחצות היום בשעה 1:00 איז דער רבי ווידער ערשינען אין ביהמ"ד הגדול אינאיינעם מיט א ריזן ציבור חסידים און יורד געווען לפני התיבה צו תפילת יום כיפור קטן מיט גרויס התעוררות לרגל ער"ח אלול מוקדם. און תיכף דערנאך האט מען

געדאווענט תפילת מנחה.

נאך מנחה איז פארגעקומען די מסיבת לחיים ביים דרום זייט פון ביהמ"ד, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט א לחיים פארן גאנצן עולם.

מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, און דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, ארויסברענגענדיג **אז מען שטייט שוין ביי די צענטע יארצייט, די נשמה פון רבינו הקדוש זי"ע איז שוין זיכער גאר הויעך, און אונז האבן א זכי' זיך צוזאמצוקומען לכבודו.**

**די ענין פון א לחיים ווערט געברענגט פון ספה"ק, ס'איז א בחינה פון קשה עלי פרידתכם, מען האלט שוין נאך די סעודת הילולא, נאך די שחרית, נאך תהלים זאגן ביים ציון, און מען קומט זיך נאכאמאל צוזאם, צו זאגן פאר די נשמה פון רביה"ק זי"ע וואס גייט שוין צוריק ארויף אין הימל, קשה עלי פרידתכם, פארגעס נישט פון אונז, פועל אויס פאר אונז א שנה טובה ומתוקה, אלעס וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט, אבער מען וויל עס זאל זיין זיס, מען זאל שפירן די גוטסקייט.**

**ב"ה די בחורים האבן געמאכט א מורא'דיגע הכנה צו די גרויסע טאג, ווער רביה"ק זיכער משפיע זיין פאר אונז אלעס גוטס, און בפרט פאר די בחורים וועלכע לערנען אין זיינע הייליגע ישיבות, ווי רביה"ק פלעגט אלץ זאגן עס איז טאקע דא אסאך ישיבות אויף די וועלט, אבער אונזער ישיבה איז די בעסטע ישיבה, זאגנדיג די טעם דערביי וויבאלד אין אונזער ישיבה לערנט מען נגלה און נסתר, נגלה דאס מיינט די תורה ומצות, און נסתר דאס איז די באהאלטענע זאכן וואס ליגט אינעווייניג, די יראת שמים, די גוט הארץ, און מידות טובות, דאס איז וואס אונזער ישיבה איז מער פון אלע אנדערע ישיבות.**

**איז ב"ה אז מען גייט ווייטער אין זיינע הייליגע וועגן, זאל מען ווייטער זעהן זיך צו האלטן באחדות, און לערנען זיינע הייליגע ספרים, וועט ער זיכער משפיע זיין פאר אונז אלעס גוטס, בעט מען זכותו יגן עלינו, ער זאל באשיצן אויף אונז, און בעטן ביים רבונו של עולם פאר אונז א זיס לעכטיג יאר, אזויווי דוד המלך ע"ה האט געזאגט, ה' רעי לא אחסר, "רעי" איז ר"ת ע'לי' ר'פואה י'שועה, רביה"ק זאל האבן א עלי', און משפיע זיין פאר אונז רפואות און ישועות, ביז מען וועט שוין זוכה זיין צום ביאת גואל צדק בב"א.**

דערנאך האט דער רבי געטרינקן און געווינטשן לחיים פארן גאנצן ציבור, און מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

◆

נאכמיטאג פון 4:00 ביז 9:00 ביינאכט האט דער רבי אויפגענומען א גרעסערע ציבור אורחים החשובים לברך ולהתברך, בחדר הפרטי בבנין הישיבה. צווישן אנדערע האט דער רבי אויפגענומען תלמידי ישיבת ים התלמוד פון מאנטריאל, וועלכע זענען אריין אל הקודש פנימה אינאיינעם מיט די ראשי הישיבה שליט"א.

אינמיטן קבלת קהל האט דער רבי מפסיק געווען און געדאווענט תפילת מעריב בביהמ"ד הפרטי פון רביה"ק זי"ע.

בשעה 11:00 ביינאכט איז דער רבי נאכאמאל ארויס צום ציון הקדוש און מתפלל געווען למען הכלל והפרט, ישועות ורפואות לנו ולכל ישראל.

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו, מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.**

## שבת קודש פר' ראה

פרייטאג נאכמיטאג האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן אברהם נתנאל ליעבערמאן נ"י און פאר החתן יצחק אייזיק קרויס נ"י פון וומסב"ג.

בערך 15 מינוט פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, דערנאך געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען האט מען געזינגן די 'גוט שבת' ניגון, דערנאך איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

ביים עריכת שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול איז מיט הגבהת הכוס צו קידוש מכובד געווארן הרה"ח ר' שלמה קאהן הי"ו פון קרית יואל. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ג אב"ד נאפעק שליט"א, הרה"ג ר' יעקב ווייס שליט"א פון מאנסי נכד רביה"ק זי"ע, הרב מאיר יואל זוסמאן סג"ל לאווי שליט"א פון ארץ ישראל נכד רביה"ק זי"ע, הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' חיים הערש פראנקל הי"ו פון קרית יואל.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש. ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' אלימלך סג"ל טירנויער שליט"א פון וומסב"ג, שיר המעלות הב' רפאל דוד טעסלער נ"י פון קרית יואל.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן יצחק אייזיק קרויס נ"י און דערנאך אנגעוואונטשן ברכות לרוב. שבח נותנים האדמו"ר מ'באניא-נאדבורנא שליט"א פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

◆

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה, שחרית האט געדאווענט הרה"ג ר' גדלי' ליעבערמאן שליט"א מבעסערמין פון וומסב"ג.

די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ג ר' ישכר דוב כ"ץ

שליט"א בן אדמו"ר מ'סערדיהאלי שליט"א, לוי הרה"ג ר' אלימלך סג"ל טירנויער שליט"א, שלישי הרה"ג אב"ד בעסערמין שליט"א פון בארא פארק, רביעי מוה"ר משה עזריאל שווארץ הי"ו פון מאנסי, חמישי הרה"ג אב"ד שעניא שליט"א, ששי הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו קרית יואל שליט"א, שביעי הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו פון קרית יואל. הוספות: הרה"ח ר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו פון וומסב"ג, הרה"ח ר' מאיר יעקב טעסלער הי"ו פון קרית יואל, החתן אברהם נתנאל ליעבערמאן נ"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, החתן יצחק אייזיק קרויס נ"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן. אחרון הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל, דער רבי האט עולה געווען מפטיר. הגבה מו"ה אהרן אברהם פריעדמאן הי"ו פון טאראנטא, גלילה מו"ה אהרן עוזר טעסלער הי"ו פון קרית יואל.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' חיים אברהם מאיר ווייס הי"ו פון וומסב"ג.

◆

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הרה"ח ר' יצחק שטערן הי"ו פון בני ברק.

אז ביום השביעי הרה"ח ר' יוסף מארך הי"ו פון וומסב"ג, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יואל שווארץ הי"ו פון קרית יואל. דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג האט הרה"ג אב"ד בעסערמין שליט"א פארגעלערנט פרקי אבות בהיכל ביהמ"ד הגדול.

צו מנחה איז צוגעגאנגען הרב שלמה צבי חיים ליעבערמאן שליט"א פון לינדען. די עליות האבן עולה געווען ראשון הרה"ח ר' יוסף ווייס הי"ו, שני הרה"ח ר' יצחק שטערן הי"ו פון בני ברק, שלישי הרה"ג ר' נתן נטע ליעבערמאן שליט"א מבעסערמין פון וומסב"ג, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, גלילה מו"ה פנחס מרדכי יודא קליין הי"ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'זוטשקא קראקאס שליט"א. מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרב יוסף פאנעט שליט"א פון קרית יואל, הרה"ח ר' שמואל משה מנחם סאנדעל הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' הערשל סאנדעל הי"ו פון קרית יואל, הרה"ח ר' אברהם מרדכי יודא פעלבערבוים הי"ו פון מאנסי.

רבינו שליט"א האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס הרה"ח ר' מענדל מרדכי זיכערמאן הי"ו פון לעיקוואד, שיר המעלות הב' משה עמרם מאטיאש נ"ו פון לאנדאן.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס מוה"ר דוד גרונער הי"ו פון לעיקוואד, די הבדלה האט געהאלטן מוה"ר אהרן דייטש הי"ו פון מאנסי.

דערנאך האט דער רבי מכבד געווען צו פארציילן סיפורי צדיקים, אב"ד נאפקע שליט"א, הרה"ח ר' חיים הערש פראנקל הי"ו, הרה"ח ר' אלכסנדר גאלדבערגער הי"ו, הרה"ח ר' יוסף מארך הי"ו.

דערנאך האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## זונטאג פר' שופטים

פארנאכטס איז רבינו שליט"א ערשינען צום קבלת פנים ביים חתונה פון החתן אברהם נתנאל ליעבערמאן נ"ו, בן הרה"ג אב"ד בעסערמין ז"ל, עב"ג בת מוה"ר ישראל מרדכי זוסמאן הי"ו, אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, אנגעטון קיטל און גארטל און געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

דערנאך איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור סעודת ראש חדש ולע"נ זקינו הרה"ק רבי מרדכי מ'דעמעטשטער זי"ע, בהיכל ביהמ"ד הגדול. דער רבי האט זיך געוואשן צום סעודה און משמיע געווען דברות קודש, פארטיילט שיריים און געוואונטשן לחיים. מיט ברכי נפשי איז מכובד געווארן הרה"ח ר' שמעי' צבי רייך הי"ו פון קרית יואל.

רבינו שליט"א האט געבענטשט על הכוס, הגבהת הכוס הרה"ח ר' יושע רייך הי"ו. שיר המעלות הב' שמואל ניימאן נ"ו.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל און געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה.

## מאנטאג פר' שופטים

אינדערפרי איז דער רבי ערשינען בהיכל התלמוד תורה אין קריתינו הק', צו תפילת שחרית לכבוד ראש חודש, אלץ א פרס וואס די עלטערע כיתות הת"ת האבן אריינגעלייגט די לעצטע פאר וואכן א מורא'דיגע התעלות בעבודת התפלה, זיך גרייטענדיג בהכנה דרבה צום יומדהל"ק פון רביה"ק זי"ע.

צום ערשט איז פארגעקומען די תפלין לייגן פון הבחור הבר מצוה בן מוה"ר יצחק דוב וויינבערגער הי"ו.

דערנאך האט מען געדאווענט א פלאם פייער'דיגע שחרית, פארן עמוד האט געדאווענט מו"ה משה לייב בר"י סג"ל קרויס נ"ו. דער רבי האט געדאווענט הלל פארן עמוד מיט גרויס התעוררות. די עליות האבן עולה געווען כהן דער בר מצוה בחור נ"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק, רביעי הרה"ח ר' משה מאירוביץ שליט"א, הגבה הרב




אברהם לייב ראזענבוים שליט"א מנהל חברת תהלים.

מוסף האט געדאווענט פארן עמוד הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א מספינקא, און דער רבי האט געבלאזן שופר.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א שיינע מסיבת לחיים, ווי מען האט געזינגען פאסיגע ניגונים, דער מנהל הרב אהרן הערש שטעסל שליט"א האט אויפגעטרעטן, דערנאך האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש, געמאכט א לחיים און פארטיילט לקח.

מען האט געזינגען פאסיגע חרוזים, און דער רבי האט פארטיילט א ספעציעלע קונטרס פון ליקוט עבודת בעניני ומנהגי תפלה, ספעציעל ארויסגעקומען לכבוד די מעמד.

דערנאך האט דער רבי געמאכט א באזוך אין אלע כיתות התלמוד תורה אויף אלע שטאקן און סניפים, און אריין אין יעדע כתה עקסטער און זיך אומגעקוקט מיט הנאה ווי די קינדער לערנען פלייסיג און דאווענען ערליך.

נאכמיטאג איז דער רבי אנגעקומען אויף א קורצע באזוך אין ניו יארק, דער רבי האט געדאווענט מנחה ומעריב בבית מדרשינו בארא פארק.

## קול איחוד טאהש

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת עבודה זרה (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו

מזון הנפש

## סדר הלימודים

במסגרת החבורת שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת כי תצא =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק שופטים | נה. | נא: | חזרה | חזרה |
| זונטאג | נה: | נב. | קג: | ק. |
| מאנטאג | נו. | נב: | קד. | ק: |
| דינסטאג | נו: | נג. | קד: | קא. |
| מיטוואך | נז. | נג: | קה. | קא: |
| דאנערשטאג | נז: | נד. | קה: | קב. |
| עש"ק | נח. | נד: | חזרה | חזרה |

**בחינה הבאה ביום א' פרשת כי תבא**

מס' עבו"ז: מא:-נה. | מס' בבא בתרא: צב.-קב.

איחוד תלמידי וחסידי טאהש
יר"ל ע"י
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**





ראש חודש אלול תשפ"ה

אפדעיט #30

# פרישׁ אויפן קול איחוד

## מעמדים ומאורעות בחצרות קדשינו

שלה"ט סעודת הילולא קדישא דרבינו האור החיים הק' - ט"ו תמוז בהיכל ביהמ"ד הגדול | 3415

מסיבה שלישי לטובת קרן הבנין דבית מדרשינו קרית יואל - בבית הרה"ג דומ"ץ דקהלתינו קר"י שליט"א - ה' עקב תשפ"ה | 541-11-3

מעמד חסידים מספרים הכנה לז"ך אב אחר הבדלה בצל הקודש - מוצש"ק עקב | 4521-85-1

הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד - הרה"ג ר' ישכר דוב מאירוביץ - הרה"ח ר' נפתלי נחמי' ראטטענבערג - הרה"ח ר' יהוסף יואל סג"ל קרויס - הרה"ח ר' שלום מיכל ארגעל - הרה"צ רבי מרדכי יודא פיש.

מעמד סעודת הילולא וחלוקת פרסים לבחורי אנ"ש בהיכל השלחנות בבנין הישיבה קטנה ליל הילולא קדישא | 521-85-1

שלחן הטהור סעודת הילולא קדישא וסיום הש"ס בהיכל ביהמ"ד הגדול - ז"ך אב תשפ"ה | 521-85-2

תפילת שחרית בעצם יומא דהילולא קדישא - ואח"כ ברית מילה - ז"ך אב | 521-85-3

עלי' לציון - דברות קודש - ואמירת כל ספר תהלים בעצם יומא דהילולא קדישא | 521-85-4

תפילת יו"כ קטן ותפילת מנחה בעצם יומא דהילולא קדישא | 521-85-5

מסיבת לחיים ודברות קודש וניגונים בעצם יומא דהילולא קדישא | 521-85-6

מעמד לחיים בתלמוד תורה בית יודא אחר עבודת התפלה למשך כמה שבועות הכנה ליומדהל"ק - ב' שופטים ר"ח אלול תשפ"ה | 57-85-12

## דברות קודש מאת כ"ק מרן רבינו שליט"א

דב"ק בעת רעוא דרעוין בשבועות העעל"ט | 311

שיחות קודש מוצאי שבת קודש בשבועות העעל"ט | 321

דב"ק 'פתיחת זמן הקיץ' לתלמידי ישיבותינו הקדושות - אול"י ט"ו תמוז בהיכל ביהמ"ד הגדול | 3717

דברות קודש אצל שלחן הטהור סעודת הילולא לע"נ רבינו אור החיים הק' זי"ע | 3415

דברות קודש לפני אמירת כל ספר תהלים אצל ציון רבינו הקדוש זי"ע ביום ט"ו תמוז | 3811

דברות קודש אצל מסיבת לחיים לתלמידי שיעור ג' דישיבה גדולה אור החיים - ה' מטו"מ | 3718

דברות קודש אצל מעמד חלוקת פרסים לבחורי אנ"ש - ליל הילולא קדישא ז"ך אב | 3416

---

דב"ק אצל שלה"ט סעודת הילולא קדישא | 3417

דב"ק אצל ציון הק' לפני אמירת כל ספר תהלים | 3418

דב"ק אצל מסיבת לחיים אחר תפילת מנחה ויו"כ קטן | 3419

דברות קודש לילדי תלמוד תורה ר"ח אלול תשפ"ה | 3615

דברות קודש אצל שלחן הטהור סעודת ראש חודש אלול וסעודת הילולא להרה"ק מ'דעמעטשער זי"ע | 3410

## דרשות ושיעורים אפטיילונג

דרשת מנהל דישיבה גדולה תורת משולם פייש ניו יארק לתלמידי שיעור ג' דישיבת תפארת משולם פייש - ג' מטו"מ | 463236

דרשה פנימי למלמדים בת"ת בית יודא ע"י הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א - ביום ד' דברים | 4567

דרשת הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א לכל תושבי קריתינו הק' באולם בית צירל - ביום ה' דברים | 4517-377

מסיבת לחיים לרגל סיום חזרה - דרשת האדמו"ר מ'חוסט שליט"א והרה"ג ר' חיים סג"ל קרויס שליט"א - בהיכל ישיבה גדולה - ט"ו אב | 46132

דרשת האדמו"ר מ'חוסט שליט"א הכנה לחזרת כל מס' נדרים - בהיכל ישיבה קטנה אור החיים - ב' עקב | 462134

דרשת המנהל הרה"ג ר' יוסף ישכר בער סג"ל טירנויער שליט"א הכנה לז"ך אב - בהיכל ישיבה קטנה אור החיים - ליל ששי עקב | 462135

דרשות וסיפורים אצל סעודות מלוה מלכות וסעודות הילולות בבתי מדרשינו ברחבי תבל לקראת ז"ך אב | 4521-85-2

**קרית יואל:** אב"ד באניא - הרב אלימלך נפתלי הירצקא סג"ל לאווי - הרה"ח אלתר אליעזר לאווען - הרה"ח יעקב שלמה גרינוואלד - הרה"ח משה מנחם סאנדעל - הרה"ח אשר לעמיל פעלבערבוים.

**לאנדאן:** הרה"ח ר' שמואל גרשון גראד - הרה"ח ר' משה ראזענבערג - הרה"ח ר' ישראל שטערן - הרה"ח ר' ישראל יעקב עקשטיין - הרה"ח ר' יצחק גאלדבערגער - הרב סיני דייטש שליט"א אב"ד שאץ.

דרשת הכנה לז"ך אב ע"י הרה"ג ר' עקיבא יוסף ראבינאוויטש - ה' ראה בהיכל הכוללים | 4521-85-33

דרשת הכנה לז"ך אב ע"י הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו בקרית יואל שליט"א בהיכל ישיבה קטנה - ד' ראה | 4521-85-32

דרשת הכנה לז"ך אב בהלכה ובאגדה ע"י הרה"ג ר' יונה פישער שליט"א מו"ץ - בהיכל ישיבה גדולה - עש"ק עקב | 4521-85-34

שיעורים נפלאים בספה"ק נתיב מצותיך בכל שבוע ע"י הרה"ג ר' יצחק אייזיק בערגער שליט"א דומ"ץ קאסא גראנדא ונכד רביה"ק זי"ע | 44-123

רייכע שמועס מיט הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו זכרונות ועובדות מימי קדם בצל רביה"ק זי"ע - הכנה לז"ך אב | 132



---

מקושר פון איבעראל

# קול איחוד טאהש

718.451.TOSH | 514.500.TOSH

**צענטראלע נומערן:**

514.500.TOSH (8674)

718.451.TOSH (8674)

| אפסטעיט ניו יארק: | ענגלאנד: | ארץ ישראל: |
|---|---|---|
| 845.351.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

**3 — דברות קודש**
מאת כ"ק מרן רבינו שליט"א
רעוא דרעוין - שיח"ק מוצש"ק - במועדי השנה - בעידן חדותא - לתלמידי הישיבה - ועוד

**2 — אוצר קולו בקודש**
היסטארישע ריקארדירונגען פון כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע
תפילות – דברות קודש – מועדי השנה – ביקורי אדמורי"ם – ועוד

**1 — בחצרות קדשינו**
מודעות, אינטערוויא'ס, שמחות אנ"ש, סיפורים על רביה"ק זי"ע, נוצבארע סערוויסעס אויפן וועג קיין טאהש,
התאחדות אפטיילונג

**6 — ניגונים ונוסחאות**
ניגוני בית טאהש ונוסחאות התפלה במועדי השנה

**5 — מעמדים ומאורעות**
בחצרות קדשינו במשך השנים
מועדי השנה – סעודות הילולות – שמחות בחצרות קדשינו – ועוד

**4 — דרשות שיעורים וחבורות**
הנאמרים ונלמדים בקהילותינו הקדושות
מזון הנפש – לומדי תהלה – עבודת עבודה
פרשה - גמרא - הלכה - מועדים וזמנים - חיזוק ומוסר - בישיבותינו הק' - חינך - טעכנאלאגיע - הספדים

**9 — קהילות ומוסדות אינפארמאציע צענטער**
ווי איר קענט אייך פארבינדן מיט אלע קהילות ומוסדות אנגעלעגנהייטן

**8 — מערכת איחוד טאהש**
אלע אפטיילונגען פונעם מערכת האיחוד
קול איחוד – מתאחדת טעלפאון ביכל – באור החיים – להתאחד בחורי אנ"ש – חברה ש"ס - ועוד

**7 — הוק-אפ סיסטעם**
מיטצוהאלטן פארשידענע שיעורים און מעמדים בחצרות קדשינ
און צו איבערהערן גלייך נאכדעם.

בס"ד

מיסודו של רבינו הקדוש זי"ע

**תלמוד תורה עבודת משולם פייש טאהש**

מאנסי יצ"ו

תלמוד תורה טאהש
עבודת משולם פייש
מאנסי יצ"ו

בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

**Talmud Torha Avoidas Meshulam Feish Tosh**

MONSEY NY

26 Calvert Dr. Monsey NY 10952

P:845.369.8674 - F: 845.625.1725

# שיר השירים אשר לשלמה

בשיר ושבח ותהלה לרוב, נשגר ברכת מזל טוב, להגיש ולהביע מיטב ברכותינו, ברכת מזלא טבא אל מעלת כבוד ידידינו, האי עושה ומעשה, ברוך הכשרון, רב פעלים בהכשר ויתרון, מוכתר בנימוסין, מופלא ומופלג בכל מדה ומעלה נכונה, אוצר כלי חמדה ומאוד נעלה, מרבה להיטיב, עומד לימיננו בימין צדקו בתדירה, וטרם נקרא לו ויאמר הנני הנני בפנים מאירה, שמו הטוב הולך לפניו לשם ולתהלה, ונודע בתוך אמוני עם סגולה, במסירות בנדיבות בשמחה ובפנים מאירה, לו יאתה כל שבח ושירה, ה"ה

איש אמונים, יקר מפנינים, בחכמה פותח שערים ודברים, בחן ובשכל טוב בעיני אלקים ואדם איש האשכולות, רב תבונות בפנים מסבירות, איש חי ורב פעלים, [illegible]

הרב החסיד המפואר והנעלה

מוה"ר

# שלמה גרינבוים

הי"ו

## מנכ"ל מוסדותינו

הוא הגבר אשר בכשרונותיו הברוכים עומד על הפקודים
במסירת נאמנה, שנוכל להעמיד מוסדותינו הק' על תילה,
ועוסק בצרכי ציבור באמונה בלב טוב להטיב
כל יחיד ויחיד בהצנע לכת בהשכל ובדעת, ובטוב לבבו עומד
ומסייע בכל מיני אופנים בגוף ובממון, בעצה ובמעש, אשרי
לו וחלקו, שכרו הרבה מאד על פי פעלו!

לרגל השמחה הגדולה השורה במעונו, שמחה וחדוה בארמונו

## בשמחת לידת בתו למזל טוב

ובכן בעת שמחתו בשם כל אחד ואחד
הננו מביעים לו מיטב ברכותינו מעומק לבינו:

## מזל טוב! נחת לרוב!

ואילין מיליא, יהון לרקיעיא, רבון עלם ועלמיא, שיזכה לגדלו ולחנכו לתורה ולתהלה, ויזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח זרע ברך ה', בנים ובני בנים, נטעי אמנים, ויזכה עוד רבות בשנים להגדיל ולהרבות פעלים לתורה, להרחבת גבולי הקדושה, ולהמשיך בפעלו הכבירים מתוך אושר ועושר וברכת ה' מלא, ויעלה מעלה מעלה על אדני הצלחה והברכה, עדי נזכה לביאת מלכא משיחא, אמן.

כה דברי ידידיו, המברכים מעומק הלב
מוקירי פעולתו, מעריכים כערכו

**ההנהלה | המלמדים | התלמידים**



טבלא